TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No: L. 6287 870
LC. 1035/2

לאנדאָן-ווייטשעפּל יאַנואַר, 1945 — נומער 60

# דאָס נייַע יאָר 1945

---

## 1945

(פּערזן-אַראַבעסקע)

.1

אונטערן סך־הכּל דער לעצטער שטריך
ער מוז נאָך צוערשט געצויגן ווערן,
איידער אויפהערן ס׳וועט דאָס געקוילע
און דאָס אומזיסטע וויסטע צעשטערן.

כּל־זמן דער שטריך איז נאָך נישט פון אונטן,
איז דער חשבון אַלץ אָפן געבליבן;
מיליאָנען־מאָליק וועט ער געטאָפּלט,
אַז איין ציפער נאָר ס׳ווערט צוגעשריבן.

ברייט און דיק און רויט דעם שטריך געצויגן,
פון אַזויפיל בלוט אומזיסט פאַרגאָסן,
נאָך איידער לעצטע נול צוצושטעלן,
די זון וועט ווערן אַראָפּגעשאָסן.

ברייט און דיק און ווי די ערד אַזוי לאַנג
דעם רויטן שטריך שנעל אונטערגעשטראָכן,
אַז אויפלויכטן ס׳זאָל דער סך־הכּל איצט,
מיט לעצטן מיט מענטשלעכן נצחון.

.2

אַן איינציק אומזיסט געקוילעטער
און דער טויט קאָן זיך נישט מער אָפּשטעלן — —
אַן אויפגעשטעלטע ציפער פאַר נולן
און די מיליאָנען צעוואַקסן וועלן,

TOWER HAMLETS LIBRARIES

אין געכפּלטע אומענדלעכקייטן
יעדער פרישער נול אויפסניי צו שטייגן, —

29/12/6

אָזוי איז דער געקוילעטער פאַר די,
וואָס קוקן זיך שטיל צו און פאַרשוויַיגן.

נולן זיינען זיי, גאָלע גאָרנישטן,
איינער באַהאַלטן אונטערן צווייטן!
הינטערוואַלעכס אָבער צוקט דאָס מעסער
זיך איינער דעם אַנדערן צו טייטן — — —

און וויפיל זיי פאַלן, אומצאָליקע,
דער תהום אַלץ צעעפנטער טיפער —
דער געקוילעטער אין זיין גאַנצער גרויס
שטייט פאַר זיי דער צעשריבענער ציפער!

3.

נולן זיינען מיר גאָלע גאָרנישטן, —
געשמידטע רינגען פאַר פרישע קייטן! —
אַנאויפהער נאָר אַזוי און כסדר,
שנאה אויף נקמה צו פאַרבייטן.

איינער אין צווייטן זיך איינצובייסן,
מיט ראָד־אין־רעדל און מינדסטן שרייפל — —
אָ, אַלצדינג וואָס מיר טראַכטן, וואָס מיר טון
עס איז נאָר אַזאַ קוילע־געכפל!

יאָ, ס׳איז דער ערד־קוילעך אַ רעדל בלויז,
פון פאַרגאָסענע בלוטן געטריבן,
און צווישן די מיל־שטיינער נישט קערנער —
די מענטשן אויף שטויב ווערן צעריבן!

פון גליוועַר־שטיקער צווישן די „ספּריכעס"
בלייבן אויף אַ וויַיל נאָר שטיין די רעדער,
צו ווערן הוילע נולן־סך־הכלען,
פאַר ציפער פון פלינק צעציקטע פעדער.

4.

רינגעלעך רויך אין לופט צו פאַרשוועבן
קיין שפּור פון זיי נישט איבערצובלייבן, —
עס רויכערט ווער אַ געשמאַקן ציגאַר
עפּעס אַ קאַשמאַר פון זיך צו טרייבן! —



אַזוי די מיליאָנען אומצאָליקע
העלדן געפאַלענע אין די שלאַכטן,
און דאָס־אָ וואָס ס׳וועט איבעריק בלייבן
פון אַלצדינג וואָס מיר טון און מיר טראַכטן.

וואָרים איז דען אַן אונטערשיד פאַראַן
פון מאַשינען־געווער פון פאַטרולן,
ביז צום געקלאַפּ פון די שרייב־מאַשינען,
פול געהעקל אומצאָליקע נולן — —

— — — — — — — — — — — — —

זאַט איז דער בויך, אַן אַנגעגעסענער,
אין קאָפּ אַזאַ נעפּלדיקער רעיון,
קייעט זיך דער ציגאַר צווישן די ציין,
אַ מעלה־גירהדיק ווידערקייען — —

5.

האָט דען אַ צאָל דאָס געקרייז פון אַ טייך,
ווען אין אים פאַלט איין טראָפּעלע רעגן,
פונקט אַזוי דאָס אַרכימעדעס קרייזל,
ווען ראָד־אין־רעדל נעמט זיך באַוועגן — —

ס׳איז די 0־פאָרמול פון מענטשס פאַרמעגן,
ס׳ווילדע טייוול־ראָד פונם נישט גוטן!
נישט פריער שטיינצובלייבן אין זיין לויף,
אין גליווער ערשט פון מענטשלעכע בלוטן.

און אַז איינגעפרוירן עס ווערט דער טייך,
בלייבן דאָך די קרייזן מיט פאַרפרוירן,
און אינם ערשטן טאָג פון „קריעה גיין",
קיין איינער פון זיי ווערט נישט פאַרלוירן;

איינער אין צווייטן, איינער נ׳אַנדערן,
אין אייליקסטן באַוועגן זיי לויפן!
דאָס־אָ דער פלינקער נולן־געהעקל —
ס׳געמעקל פון קויפן און פאַרקויפן — — —

6.

טאַנקן איבער געפאַלענע קברים,
אין ווילדער העץ די שלאַכט צו געווינען,
אַ פלינקער נולן־געיאָג נאָר איז עס,
ווי פון יאָגנדיקע שרייב־מאַשינען.

און אייליקער און פלינקער און ווילדער,
מיט יעדן פריש געשליפענעם שרייפל,
די גאַנצע ערד שוין אַרומצונעמען —
זיי זיינען די „גלגלים" פון טייוול!

יאָ, זיך צו פאַרשרייבן אים, עס גענוגט,
אַ טראָפּעלע בלוט פון מינדסטן פינגער — — —
ביז צום לעצטן טראָפּן מ'מוז אויסצוקן,
פאַר חתימה־ציקן פון באַצווינגער — — —

ברייט און דיק און רויט דעם ציק געצויגן,
אַזויפיל בלוט דען אומזיסט געפלאָסן?
און אַ לעצטע נול נאָך צוצושטעלן,
די זון פון הימל אַראָפּגעשאָסן — — —

7.

אָ, די סך־הכלען פון געפאַלענע,
ווען לעצטע שטריכן ווערן געצויגן!
און אייביק ציילט אַ מאַמע איר איינציקן,
דער שוואַרץ־אַפּל ר'איז פון אירע אויגן — —

און וויפיל מתים, וויפיל הרוגים
אויף די שלאַכט־פעלדער ס'זיינען געבליבן,
טאָפּלט אַזויפיל פאַר די שפּיטעלער,
די פאַרוואונדעטע צונויפגעקליבן — — —

די טרערן ווער קאָן ציילן פון אַ פרוי,
פון הילצערנע הענט אַרומגענומען,
פון קינדער דעם טאַטן דערזעענדיק,
אויף וואַקל פון קולעס אָנגעקומען.

אָ, גאַנצע וועלט איז די פינסטערע וואַנט,
דעם „מנא־תקל" אויף איר צושרייבן,



פאַר צוויי הענט פון אַ בלינד געוואָרענעם,
טאַפּנדיק, זיך אַהיים צודערקלייבן.

8.

די אויסגעהוילטע פינסטערע לעכער
פון אויסגעשאָסענע בלינדע אויגן —
אינמיטן דורך די געהירן אַדורך
רינגען אַזעלכע אַדורכגעצויגן!

דער סאַרפּנדיקער וואַקל פון די פיס,
ווי אין קייטן זיי וואַלטן געוועזן,
און דאָס שטילע טאַפּן איבער די ווענט,
דעם „מנא־תקל" מיט די הענט זיי לעזן.

ווי ווילד צעשריבן ס'איז דאָס און ווי האַרט
מיט אותיות אַזעלכע בולטע:
„עין תחת עין" — אַן אויג פאַר נ'אויג
און געקוילעטע פאַר געקוילעטע —
— — — — — — — — — — — — — — —

ווי ראָד־אין־רעדל דרייען זיך אייליק
פון די ליידיקע אויגן די רעדער,
און זיי בלייבן שטיין, נאַסע און שוואַרצע,
נולן אַקאָרשט פון אונטער אַ פעדער.

9.

הרוגים ווערן צעפּרעסן פון הינט
און פון קראָען ווילדע צעפלויגענע,
אייביק אָבער בלייבן אין דער לופטן,
פּעטלעס רציחישע פאַרצויגענע — —

מיט יעדן ווינט זיי ציטערן מיט אויף
און יאָמערן אַזוי טיף צעליטן!
נישט נאָר אינם האַלדז פונם געהענגטן,
לדור־דורות זיי בלייבן איינגעשניטן — —

די „אויגן" זיי ווערן פאַר די נעצן,
דאָס שלעכטס פון דער וועלט דערמיט צו פאַנגען.

די פלינק שטריקנדיקע שפּיזלעך זיינען —
די הויך שטאַרטשענדיקע תליה־שטאַנגען !

ווי גרויס דאָס שלעכטס פון דער וועלט מוז דאָס זיין,
אַזאַ געוואַלטיקע נעץ צו שפּינען — — —
יאָ, פּעטלעס פאַרצויגענע זיינען נישט,
נולן־געהעקל פון שרייב־מאַשינען.

.10

נישט נול־געציק פון נערוועזע פינגער,
נישט צאָן־אין־צאָן פאַרביסענע רעדער, —
אינם גלגל־העולם זיינען מיר,
די אויפגעצוקטע ספרונזינע פעדער !

און ווי די זון, ווי פולע לבנה,
ווי אויפגייענדיקער מאָרגנשטערן,
ס׳וועט אַ ליכטיקער און אָן שום פּגימה,
דער פאַרפינסטערטער ערד־קיילעך ווערן.

אויפגיין עס וועט פון בלוט און פון טרערן
איבער מיליאָנען הרוגים־סטויגן
אַ דערבאַרעמונג פון צער און פון גנאָד,
אַן אויפשטראַלענדיקער רעגנבויגן — —

אַרומנעמען עס וועט אַלע הערצער
אַ גוטסקייט פון איינעם צום אַנדערן — — —
יאָ, ווי די זון, ווי דער מאָרגנשטערן,
ס׳מוז אויך די ערד איר ציל דערוואַנדערן. —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

א. נ. שטענצל



י. ח. קלינגער

## דער כוח פון ליבע

מיין געחרובטן שטעטל פּרעמישלאָן

קבר פון מיין האַרץ און מיין מאַמעס געביין ;
וויגעלע פון פאַרלאָשן געזאַנג,
פון חלומות זיסע, הייליקע,
פון גלויבן און אָטעם פון מיין פאָלקס נשמה,
פון אַ זיידע־באָבע וואָס האָבן אויף זיך דעם סיני געטראָגן;
פון חברים און חברות,
וועמענס לעבנס זיינען
פון דער היטלער־וואַקכאַנאַליע
פאַר דער צייט פאַרשניטן געוואָרן :
אייך, די דאָ מיט בלוט און שוויס שורות געשריבענע —
א מצבה !

שרוסבארי־נעסקליף,
סעפּטעמבער, 1944.
ישראל חיים קלינגער

## דער כוח פון ליבע

(דערציילונג)

„כי־עזה כמות אהבה“
(שיר־השירים, ח״ז)

אויפן וועג, וואָס פירט קיין אוניעוו, האָט אַרומגעטאַנצט אַ פראָסטיקער ווינט ; געפיפן אויף מיילן ווייט און שטיפעריש, ווי אַ חדר־יינגל, זיך געשפּילט. האָט ער דערזען פון דער ווייטנס אַז סע רוקט אָן אַ שליטן, איז ער אים באַלד אַנטקייגן געלאָפן; אָנגעכאַפּט גאַנצענע זשמעניעס מיט שניי און געבלאָזן אים די פּאַסאַזשירן אין פּנים אַריין; געצופּט זיי די אויערן, געקיצלט און שאַרפלעך געביסן דעם שפּיץ נאָז און אָט האָט זיך אים פאַרוואָלט, האָט ער פאַרשלעפּט די פערדלעך מיט דעם שליטן אין טיפן שניי אַריין ביז איבער די זשעברעס.

סע האָט געגענט צו מנחה־צייט ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע טראַיקע. דריי יינגע גניאַדעס האָבן מיט שטאָלץ אויף זיך געטראָגן דריי גלאַנצנדיקע כאָמעטעס אַרום די לאַנגע און שיין צעקעמטע גריוועס. אַ יעדער כאָמעט איז געווען באַשלאָגן מיט גלאַנציקע מעשענע בלעכלעך און אָנגעהאָנגענע קיילעכדיקע גלעקלעך, ווי אַ שנירל קרעלן, וואָס האָבן געקלונגען אַרום האַלז מיט זילבער־געקלינג. דער שליטן, אין וועלכן די דריי פערד זיינען געווען איינגעשפּאַנט, איז געווען אַ לייכטער ; דין, איידל אויסגעאַרבעט און גוט געקאָוועט. נישט אומזיסט האָט מען דאָס אָנגערופן אַ פּריצישער שליטן. אינם שליטן זיינען געזעסן צוויי יינגעלייט אין עלטער פון צוואַנציק און

צוויאונצוואנציק יאר און אליין אנגעטריבן די גניאדעס. דערזעענדיק דעם ערשטן שליטן איינגעגראבן אין שניי, ביי דער זייט א זקן מיט אנגעפרוירענע, פונם אטעמען, סטאמפאליעס אויף די גרויע און פון טאבעקע ברוין־געלעכע וואנצעס; אנגעטאן אין א שווערן קאזשוך פון שאפענע פעלן און ארומגעגארטלט מיט א ברייט־לעדערנעם רימען; האבן זיי א צי געטון זייער טראיקע ביי די לייצעס און געבליבן שטיין.

פארוויקלט אין זייערע ווינטער פעלצן מיט פוטערנע קוטשמעס אויף די קעפ, אראפגעזעצט ביז איבער די אויערן און די פנימער פארהילט אין הויכע פיקסענע קאלנערס האבן זיי דעמפיק ארויסגעשריגן: א ייד! ווארטס, ר׳ ייד, מיר׳ן אייך העלפן!

— וואוהין פארט איר, יינגעלייט? — האט דער אלטער א פרעג געטון און נישט באוויזן צו זען ווער, זיינען שוין די צוויי בחורים געשטאנען ביי זיין זייט און געענטפערט:

— מיר פארן קיין גלינע, קענט איר גלינע?

ווען ביידע טראיקעס זיינען שוין געשטאנען אויפן אויסגעריבענעם שניי־וועג, האט דער אלטער, ווי צו זיך אליין, געענטפערט: — א שאלה, אוודאי קען איך גלינע; א וואויל שטעטל כ׳לעבן . . . — ר׳האט זיך אביסל פארקלערט און נישט פארענדיקט זיינע ווערטער. ביידע שליטנס זיינען איצט געפארן צוזאמען, די טראיקע צוערשט און דער אלטיטשקער ייד נאך זיי.

די נאכט איז צוגעפאלן, עס האט געסקריפעט דער פראסט און די לבנה האט גענומען שיטן פינקלדיקע, אכטקאנטיקע ברילאנט־שנייעלעך אויף דער ווייס־פוכיקער ערד.

— האלא, הא, הא! — האט זיך דערהערט דעם אלטנס קול — פארפארט רעכטס־צו־צי, דארט איז מיין פאדווירע, איר וועט שוין היינט נישט פארן ווייטער!

ביידע שליטנס זיינען פארפארן אין דער פאדווירע. נאך האבן די פערד נישט באוויזן זיך אבצושטעלן, ווי צוויי יינגע, אוקראינישע פאראבקעס האבן זיי געהאלטן פאר דער צוים און געגלעטן זיי ביי די מארדעס, וואס זיינען געווען פייכט פון דער פארע וועלכע האט געזעצט פון זייערע נאזדרעס (נאזלעכער). בעת זיי האבן גענומען אויסשפאנען די פערד, כדי אריינצופירן אין שטאל אריין צום זשלויב מיט פריש היי, זיינען אלע דריי, דער אלטער און די צוויי יינגעלייט, באגריסט געווארן מיט א וייבערישן „גוט־נ־אוונט" און אריינגעבעטן געווארן אין כאטע.

דער הויף איז געווען א גרויסער: רעכטס זיינען געלעגן עטלעכע קלאפטער האלץ פארשאטן מיט א בארג שניי; לינקס — שטאלן פאר פערד און בהמות און אונטער די שטאלן האט זיך געצויגן א סאד מיט נאקעטע עפל און קארשן בוימער. די כאטע, אויס ציגל, איז געווען איינגעהילט אין זהאטעס, פול געפאקט און אנגעשטאפט מיט הארבסטיקע בלעטער פונם נאנטן וועלדל,



וואס האט זיך געצויגן בארג ארויף. פונדערווייטנס האט אפגעשאטנט א מאנאסטיר, פון וועמענס ווינקל־פענסטער עס האט געפינקלט א לאמפנשיין.

אריינגעקומען אין שטוב, האט זיי א זעץ געטון אין פנים אריין א היימישע ווארעמקייט געמישט מיט א ריח פון געפרעגלטע ציבעלעס. און ווי באר זיי האבן פון זיך ארונטערגעווארפן די שווערע ווינטער־בגדים, האט די פרוי, וואס האט זיי באגעגנט מיטן ערשטן „גוט־נ־אוונט" פארן טיר, דערלאנגט שטייענדיקערהייט, צו גלעזלעך בראנפן, וואס האט איינגעהייצט אין זייערע פארפרוירענע קערפערס און געבעטן זיי אלעמען צו פארנעמען אן ארט ארום טיש, וואס איז געווען גרייט צו זעטיקן די געסט.

דער אלטער האט א פארניינענדיקן מאך געטון מיט דער לינקער האנט און ליבלעך א זאג געגעבן צו דער פרוי: ניין, קינד־לעבן, מיר׳ן צוערשט דאוונען גיך „מנחה־מעריב" און דערנאך גיין עסן.

איז געווארן א גדינגעניש צווישן באלעבאס און די צוויי געסט זיינע, וואס האבן געהאלטן, אז עס איז שוין צו שפעט צו דאוונען מנחה. און דא האט זיך ווידער אריינגעמישט די פרוי און שלום געמאכט צווישן ביידע צדדים; געהייסן זיי דאוונען מעריב און זאגן צוויי „שימענעסרעס" *).

דער טיש איז געווען שבתדיק געגרייט מיט א געקעסטעלטן בלוי־ווייסן טישטוך. איבערן טיש איז געהאנגען אן עלווער בליץ־לאמפ און רייכלעך באלויכטן די שטוב. ווען דער אלטער האט פארבעטן זיינע געסט צו פארנעמען אן ארט ביים טיש איז זייער ערשטער בליק געפאלן אויף א גרויסן, אין א גאלד־רעם איינגעראמטן, „מזרח" וואס האט אויף זיך געהאט סמנים אז ער קומט פון איטאליען און איז פון זיבצענטן יארהונדערט און וואס האט, הענגענדיק אויף א העל־בלוי־געקאלעכטע וואנט, באשיינט די יאנטעוודיקייט אין דאזיקן אוונט. פון ביידע זייטן פונם „מזרח" האבן ארויסגעגאלדיקט צוויי מעשענע העסעס און אונטערן „מזרח" איז געהאנגען א שווער־בראנזענער חנוכה־לאמפ און עס איז געווען קענטיק פון דעם איבערגעבליבענעם רויטן־פאראפינעם „שאמעס־ליכטל" וואס צוויי לייבן האבן געהאלטן אין זייערע לאפעס, אז שוין איבער א חודש צייט ווי עס האלט אן דער: „מיר־האבן־נישט־קיין־רשות־זיך־צו־באנוצן־מיט־זיי" . . . "

דערווייל איז אריינגעקומען די פרוי, נאך איר א מיידל פון א יאר צוואנציק און א יינגערמאן אנגעטאן בית־מדרשדיק, מיט א צוויקער אויף דער נאז און זיין שווארצע בארד האט נישט דערמעגלעכט צו דערקענען ווי אלט ר׳איז געווען. דער אלטער, הויך ווי א דעמב און זיכער אויף זיינע ברייטע און נאך אזוי גלייכע אקסלען, האט זיי פארגעשטעלט:

— מיין טעכטערל, מיין בת־יחידה, דבורהלע, און דאס איז מיין רב, יצחק דוד. דערביי האט ער זיך געכאפט, אז ער ווייסט נאך אפילו נישט ווער די יינגעלייט זיינען און ווי אזוי זיי הייסן.

*) „שמונה־עשרה" געמיינט.

די יינגעלייט האָבן זיך פאָרגעשטעלט; ביידע פון דער שכנותדיקער שטאָט, איינער אַ סטודענט אויפן לעמבערגער אוניווערזיטעט און דער אַנדערער, דער עלטערער, אויפן פּאַריזער אוניווערזיטעט.

דערהערנדיק ווער זיי זיינען, האָט דאָס מיידל אַ לייכטן ציטער געגעבן, געכאַפּט אַ בליק אויף איר בלוזקעלע, אַ גלעט געטון אירע בלאָנדע האָר און אַ כוואַליע מיט רויטקייט האָט זי באַגאָסן פונם העלזל ביז איבער די אויערן.

מיט נישט אַרויסגערעדטע שאלות אין די אויגן, האָבן די יינגעלייט געקוקט אויפן אַלטן און אויף דער פרוי, וואָס האָט דאָ פאַרנומען דעם אָרט פון אַ באַלעבאָסטע. די פרוי איז געווען נאָך זייער אַ שיינע, פון מיטעלן וואוקס, אַ שאַטין געפאַרבט שייטל אויפן קאָפּ און עס איז בשום אופן נישט געווען צו דערקענען אירע פופציק יאָר, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך.

דערווייל האָט דער ריח פון קניידלעך געמאַכט פון געריבענע און געפּאַרעטע בולבעס, באַשמאַלצן מיט גענדזן־שמאַלץ, גריוועגעס און ברוין־געפּרעגלטע ציבעלעס, גערייצט דעם מאָגן. מען האָט זיך געוואַשן צו ברויט און מיט אַפּעטיט גענומען עסן וועטשערע. נאָכן אָפּעסן און בענטשן מיט „מזומן", האָט דער יינגער רב זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט די געסט און דווקא נישט וועגן לערנען, נאָר וועגן „וועלטלעכע ענינים". און דאָס האָט דער יינגער רב פאַרשטאַנען, אַז פאַר מאָדערנע יינגעלייט און סטודענטן נאָך דערצו, איז „דברי־חול" נישט מער דאָס פּאַסיקע וואָרט און אַלץ וואָס ער האָט באַגריפן מיטן וואָרט „דברי־חול" האָט ער גערופן „וועלטלעכע־ענינים".

ביי זיין רבנישקייט איז דער יינגער רב געווען אַ זער צאַרטע נשמה, אַ בעל־חלומות, וואָס האָט בשתיקה געוואָלט אָנשרייבן אַ צווייטן „שיר־השירים", וואָס זאָל אַריבערשטייגן דעם ערשטן. און געהאַלטן האָט ער, אַז די זוכעניש און ליבע צו דער שכינה הקדושה קען געפינען דעם ריכטיקן תיקון נאָר און נישט ערגעצאַנדערש ווי ביי אים אין דאָרף, אין אוניעוו, וואו ער האָט שוין אַ סך שירים און תפילות פאַרטראַכט. מיט אַ באַזונדער ליידנשאַפט האָט ער גערעדט וועגן אָט דעם דאָרף, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און בעת'ן רעדן האָבן זיינע אויגן, בלויע, גרויסע און פאַרחלומטע אויגן, ערגעץ ווייט געקוקט, ערגעץ ווייט געבענקט און גענאָגט אים ביים האַרץ; עפּעס אַן אומדערקלערטער ווייטאָק האָט אים באַהערשט, אַ ווייטאָק נאָך וועלכן ער האָט געבענקט און קיינמאָל נישט דערגאַנגען דעם סוד פון דער דאָזיקער בענקעניש. ביז מיטאַמאָל און דער אַלטער האָט זיך אַריינגעגנבעט אינם שמועס און אַ פרעג געטון די יינגעלייט:

— זענט איר שוין אַמאָל געווען ביי אונז אין אוניעוו אויפן יאַריד?

— יאָ, האָבן זיי געענטפערט, מיר זיינען דאָ געווען אויפן „וויטפּוסט" מיט יאָרן צוריק, ווען מיר זיינען נאָך געווען חדר־יינגלעך, נאָר מיר האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען דעם טעם פון דאָזיקן יאַריד.

דער אַלטער האָט ביי דער דאָזיקער שאלה אַ לייכטן ציטער געטון, אָנגעגאָסן אַלעמען גלעזער הייסע טיי פון „ליפּאָווע צוויט" געמאַכט, אַזש ס'איז זיך



צעגאַנגען אַ פרילינג ריח, אַ ריח פון פיינעם האָניק איבער דער שטוב. ער האָט אַ לייכטן הוסט געטון, ווי ער וואָלט זיך אָנגענומען מיט אַ פרישן זאַפּאַס כוח און זיך אָפּגערופן: אַ מאָדנע פאָלק וואָס מיר זיינען. ווען אונזערע קדושים קומען אַראָפּ און באַווייזן זיך דאָ אויף דער ערד, זיינען מיר אפילו נישט זוכה זיי צו דערקענען, אָבער זיי, די אומות־העולם, דערזעען זיי און פּראַווען אַ גרויסן יאָנטעוו.—איר וועט, מ'עט דערלעבן, מאָרגן גיין איבערן דאָרף, וועט איר זעען צווישן באַרג און וואַלד דעם גרויסן קלויסטער. צופוסנס פונם באַרג, וואו דער קלויסטער שטייט, איז אַ ברונעם מיט הייליק וואַסער. געהייליקט איז דאָס וואַסער געוואָרן צוליב אַ מעשה שהיה: געווען איז דאָס אין אַ פרייטיק, איז זיך אַ יידענע, אַן אלמנה פון פינף טעכטער, אויפגעשטאַנען מיטן מאָרגנשטערן צוגלייך. זי האָט גענומען איר שטרויען־געפלאָכטן קוישל אין וועלכן זי האָט געהאַט אַריינגעפּאַקט איר קרבן־מנחה סידור, צוויי חלבנע ליכטלעך אויף ליכט צו בענטשן, קליינע חלותלעך; אַ בולקע־פּלעצל און אַ געפלאָכטן קוילעטשל, איר שבתדיקע ווייסע פאַטשיילע און אַ פּעקעלע רוסישן טיי — אַ מתנה צו געבן דעם פּרעמישלאַנער צדיק, פאַר וועמען זי וועט גלייך נאָך הבדלה אויסגיסן איר פאַרביטערט האַרץ. ס'איז נאָך אַלעמען קיין וואונדער נישט. ווען זי האָט חתונה געהאַט קיין גלינע, איז צווישן אַ יאָ און אַ ניין און זי האָט געהאַט פינף קליינע עופעלעך צו קאָרמען. איינס איז געווען קלענער פונם אַנדערן און דערצו סאַמע מיידלעך. דער מאַן האָט זיך דאָס געגומען שטאַרק צום האַרצן, ווייל וואו וועט ער נעמען נדן פאַר פינף טעכטער ווען זיי וועלן אויסוואַקסן? איז ער אויסגעגאַנגען, ווי אַ צאַנקענדיק ליכטל, פאַר דער צייט. פרומע יידן האָבן געהאַלטן, אַז עס איז געווען דערפאַר וואָס ר'האָט פאַרלוירן דעם בטחון צום רבונו־של־עולם. האָט זי זיך אַזוי לאַנג געמוטשעט, די אלמנה, און אויסגעכאָוועט פינף טייערע יידישע טעכטער, אַז אויף אַלע גוטע פריינט געזאָגט, און דערלעבט אַז די עלטסטע איז אַ כלה געוואָרן. ס'האָט זיך אין איר איינגעליבט אַ רייכער באַלעבאַטישער יינגערמאַן, געשיקט אַ שדכן און נעמט זי ווי זי שטייט און גייט. אָבער זי, די מאַמע, האַלט אַז אָן דעם רבינס ברכה קען זי קיין חופה נישט שטעלן. איז זי אַרויס כאור־הבוקר, פרייטיק צו שבת־נחמו, און זיך געלאָזט גיין צופוס פון גלינע ביז פּרעמישלאַ, ווייל אויף באַצאָלן אַ האַלבן רייניש דעם בעל־עגלה, וואָס פירט קעלבלעך אין שטאָט אַריין, האָט זי נישט געהאַט איבעריק.

דער פרייטיק איז געווען. .אַ הייסער. גאַנץ פרי. די קוקולקע האָט געקלאַפּט מיט איר שנאָבל אין דער קאָרע פון אַ דעמבענעם בוים און באַגלייט איעדן קלאַפּ מיט איר „קוקו" געזאַנג. די ראָסע און טוי האָט זיך אויפגעהויבן אין אַ לייכט־ווייסן, דורכזעעוודיקן שלייער איבער די גראָז און זאַנגען אויף די פעלדער. די זון, רייטנדיק אויף איר רויטער פלאַם־פייערדיקער שטול, האָט זיך פאַמעלעך אַלץ העכער און העכער אַרויסגערוקט פון הינטער די בערג און מיט אירע שווער־ברייטע זילבער־שטראַלן, אַרויסגעקליבן די קאָרן־בלימלעך און זיי צוגעגעבן אַ סאַמעטענע

בלויקייט. די מאָן־בלומען האָבן אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער זייערע מאָן־קעפּ באַפּוצט מיט אַ קרוין פון רויט־וויאָלעטע בלעטלעך. פון צייט צו צייט איז זיך אַ קראַליק אַרויסגעשפּרונגען פון זיין נעסט אין פעלד, אַז די ייִדענע, אַ דערשראָקענע, האָט אַזש אויסגעשפּיגן דריי מאָל, טפו, טפו, טפו, געוואונטשן אַז ס׳זאָל אויסגיין צו אירע שונאימס קעפּ.

אַלץ שפּעטער אין טאָג אַריין און די היץ איז געווען אַ גרעסערע און געגאַנגען איז זיך איר שווערער און פּאַמעלעכער. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אָוועקגעזעצט דעם אָטעם צו דערכאַפּן און אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס האָט זי באַגאָסן איבערן שטערן, איבער די באַקן ביז אין האַלז־נ־נאַקן אַריין. געזיפצט האָט זי אויך אַ שפּאָר ביסל און גאָט געבעטן, אַז זי זאָל האָבן אַרויסגעגאַנגען פון דער היים מיטן רעכטן פוס.

די צייט איז נישט געשטאַנען און מיט איר האָט זיך אויך די זון גערוקט מער און מער צו מערב זייט, גייענדיק זיך טובלען ערגעץ אונטער בערג. שוואַרץ־בלויע שוועלבעלעך, מיט גלאַנציקע בלוי־פּליושענע קעפּלעך און שניי־ווייסע בייכלעך, האָבן זיך אין מחנות גאַנצע, צוריקגעקערט פון אונטער די הימלען, פעלדער און גערטנער; אויסגעזעצט זיך אין לאַנגע רייען אויף די שטרויענע דעכער, וואָס זיינען געווען פאַרשוירן אין שפּיצלעך; צעשפּרייט און צעצויגן זייערע צוויי־שפּיציקע שוואַנצעלעך און אין אַ שטילן לויב־געזאַנג באַגלייט די אַרונטערהענגענדיקע זון. די זון, אַ קופּערנע, צעגליט פון אַ גאַנצן טאָג, האָט מיט מילדקייט באַשאַנקען אַלע שטרויענע דעכער, ביימער, בערגלעך, די קאָרן און ווייץ פעלדער, מיט אַ שפע פון הייסע גאָלד־זעמדלעך און וואָלקנס מיט גאָלד־שטויב, וואָס האָט געוואָלט זיי אַלעמען צוגעבן כוח איבערצוהאַלטן אַ קילע נאַכט.

די קעץ, אין די פויערשע פּאַדווירעס, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער פוילן דרימלען, אויסגעצויגן זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, ברייט־מויליק געגענעצט, גענומען זיך באַלעקן און אויספּוצן דאָס שוואַרץ־מיט־ווייס געפלעקלטע פעלכל; מיט כוונה צו געפעלן די באַלעבאַטים, וואָס וועלן באַלד קומען צוגיין פון פעלד.

די ייִדענע, שיינדל בריינע, האָט זי געהייסן, האָט געכאַפּט אַ בליק אויף הינטערוויילעכס און איז אַזש דערציטערט געוואָרן. ווי איז מיר,—האָט זי צו זיך אַליין אויסגעשריגן—שוין באַלד צייט צו בענטשן ליכט! און גענומען גיין מיט גיכע טריט באַרג־אַראָפּ.

אונטערן באַרג צווישן דריי האַלב געשפּאָלטענע, מיט גרין־ברוינלעכן מאָך באַוואַקסענע זאַמד שטיינער, גרויסע ווי מצבות, האָט געקוועלט אַ קרישטאָל ריינער וואַסער־קוואַל. שיינדל־בריינע האָט אַוועקגעשטעלט אירע כלים און זיך צוגעבויגן צום קאַלטן קוואַלנדיקן וואַסער און מיט זשעדנעקייט געטרונקען פון איר דאַרביינערדיקער און מיט אָדערן אָנגעלאָפענער דלאָניע און אָוועקגעזעצט זיך אויף איינעם פון די שטיינער אָפּצורוען אַ ביסל. זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן הימל און אויף דער שוין באַלד אונטערגעגאַנגענער זון



און צוגערוקט צו זיך איר שטרויען קוישל, האָט זי פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ האַנטוך מיט אַ גלאַטיקן וואַסער־שטיינדל, וואָס האָט געזאָלט דינען אַנשטאָט זייף, אַביסעלע דערווייטערט פון קוואַל, ביים ריטשקעלע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פונם קוואַל, האָט זי זיך אָפּגעזייפט די הענט און ס׳פּנים פונם שטויב און זיך נאָכאַמאָל אָפּגעוואַשן די הענט מיט ריין וואַסער.

זי האָט זיך ווידער דערנענטערט צו איר קוישל, אָנגעטאָן זיך די שבתדיקע פּערקאַלענע פאַטשיילע, אָנגעטאָפּיעט די צוויי חלבנע ליכטלעך אויף אַ שטיין, זיי אָנגעצונדן און פרום פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים און די רויט־געוואַשענע, פאַרמאַטערטע אויגן מיט ביידע הענט און געשעפּטשעט: „האַרציקער באַשעפער און טייערער פאָטער אין הימל! גיב מיר כוח צו דערגיין ביז צו אַ ייִדיש הויז און היט מיך אָפּ, אַז כ׳זאָל חלילה נישט פאַרשוועכן דיין הייליקן שבת. און העלף מיר, טאַטעניו; מיר, דיין דינסטמויד, שיינדל־בריינע, אַ צעבראָכענע, פאַר דער צייט אַלט געוואָרענע אַלמנה. העלף מיר, אַז איך זאָל זוכה זיין צו דערלעבן מיין ייִנגסטער טאָכטערס חתונה; נאָכדעם קענסטו מיך צונעמען פון דער זינדיקער ערד. אוי, אב־רחמים, דו, וואָס שפּייזסט אַפילו אַ ווערעמל, זיי אַ גוטער שפּייזער צו מיינע קינדער און באַשער מיר פאַר זיי חתנים, וואָס זאָלן גיין אין גלייכן וועג און זאָלן באַשיינען דיין הייליקע תורה, אַזוי ווי די ליכטלעך, וואָס באַשיינען דיין שבת־קודש“ . . . גרויסע טרערן האָבן געפּערלט אויף אירע צוגעמאַכטע אויגן און אַריינגעקייקלט זיך צווישן די פינגער און פון די פינגער אין קוואַל אַריין.

ווען זי האָט געענדיקט דאָס „ליכט־בענטשן“ און צו זיך אַליין אַ זאָג געגעבן: „גוט שבת“, האָט זי צו איר גרויסער איבעראַשונג דערהערט אַן ענטפער: „גוט שבת אייך“.

זי האָט מיט אַביסל שרעק אויפגעהויבן אירע אויגן און דערזעען ווי פון באַרג אַראָפּ, אַ פּאָר טריט פון קוואַל, גייט אַ דאָרפס־ייִד מיט אַ קליין זעקל אויף די פּלייצעס און אַ וואַלד־שטעקן, מיט גודזיקעס, אין האַנט. „איי, דאָס זענט איר ר׳ שמחה?! אַזוי שפּעט און איר זענט נאָכנישט אין דער היים“, האָט שיינדל־בריינע זיך אָפּגערופן צו אים. זי האָט דערקענט דעם איינציקן דאָרפס־ייִד, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך פאַרברענגט אין שטאָט און איז לכבוד שבת גיך אַהיימגעגאַנגען צו זיין ווייב און קינדער אין דאָרף אַריין. ר׳ שמחה האָט געוואוינט אַ קאָרגן תחום־שבת פון דעם אָרט, וואו ער האָט אָנגעטראָפן די ייִדינע און האָט זיך געפריידט אין האַרצן צו האָבן אַן אורח אויף שבת: ווען נישט קיין מאַנסביל איז פאָרט אַ ייִדישע נשמה, ווייל וואו איז עס געזאָגט, האָט ער זיך אין האַרצן געפרעגט, אַז ס׳מוז דווקא זיין אַ זכר פאַר אַן אורח און נישט קיין פרויענצימער?

אויפן וועג גייענדיק האָט די ייִדינע געפּועלט ביי דעם אַלטן ר׳ שמחה, אַז מערצעשעם באַלד נאָך הבדלה וועט ער זי אַריינפירן אין שטאָט אַריין, ווייל זי וויל זעען דעם רבין גלייך מוצאי־שבת נאָך מלוה־מלכה. ווי נאָר זיי ביידע זיינען אַריינגעקומען צו אים, צו ר׳ שמחהן אין כאַטע, האָבן זיך מיט אַמאָל

דערהערט די גלאָקן פון דער דאָרפישער צערקווע. אַ געקלינגעריי פון אַן אַנזאָגנדיקן גרויסן יאָנטעוו. — — — — — — — — — — — — —

אין דערזעלבער צייט האָט אַ גרויסער עולם געוואַרט, אַז דער פּרעמיש־לאַנער צדיק ר׳ מאירל זאָל אַריינקומען דורך דער טיר, וואָס איז געווען אויס־געהאַקט אין דער צפון־וואַנט פונם בית־מדרש און וואָס האָט געפירט צום רבינס חדר־מיוחד. עולם האָט זיך זייער געחידושט וואָס דער רבי איז אַביסל שפּעטלעך מיטן קבלת שבת. אָבער באַלד האָט זיך דאָס שמאָלע טירל גע־עפנט און דער רבי מיט אַ שמייכלדיק פּנים האָט געגעבן אַ צייכן, אַז דער בעל־תפילה זיינער זאָל צוגיין צום עמוד און זאָגן „לכו־נרננה" . . . נאָכן קידוש, ביים טיילן שריים, האָט דער רבי אָנגעזאָגט דעם עולם, אַז אין זכות פון אַ גרויסער צדקת, וועלכע וועט בלי נדר, זיין ביי אים מוצאי־שבת, וועלן די יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער באַשאָנקן ווערן מיט אַ גוטער פּרנסה און מיט עשירות. די יידן ביים רבינס טיש האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט אַ שטילן שושקען זיך פאַרוואָס דער רבי האָט אַ שמייכל געטון פאַר קבלת שבת.

אָבער וואָס האָט זיך אין צווישנצייט אָפּגעטון אין דאָרף? אָט הערט:

אין דער צייט וואָס שיינדל־ברײנע האָט זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און אויסגעגאָסן איר שווער אלמנה־האַרץ פאַר די שבת־ליכטלעך, האָבן פּויערים און פּויערטעס מיט סערפּן, קאָסעס און שטרוי־גאָפּלען אויף די אַקסלען; פּאַסטוכער און פּאַסטוכקעס מיט זייערע ווערבע־פייפלעך באַגלייט פון געטרייע הינט, וואָס האָבן געהיטן די טשערדעס, זיך געלאָזט גיין אַהיים, זינגענדיק פּויערישע תבואה־און שניטצייט לידער, אָדער נאַאיווע און זער האַרציקע ליבע-לידער. פּלוצים און אַ קליינע פּאַסטוכקע האָט אויסגעשריגן צו דער גאַנצער גראָמאַדע: „קוקט! אַ הייליקע!!!"

די פּויערים און פּויערטעס זיינען געבליבן שטיין ווי צוגעקאָוועט צו דער ערד און געזען אַ ווייסע פּאַטשיילע מיט פאַרלייגטע הענט, וואָס האָבן פאַר־שטעלט דאָס פּנים און אַ גליאיקער גאָלד־שטראַל פון דער זון, וואָס איז שוין אַ האַלבע געווען אונטער אַ וויטן האָריזאָנט, האָט זיך באַהעפט מיט די צוויי פייערלעך פון די שבת-ליכטלעך ביים קוואַל.

„די הייליקע מוטער, די הייליקע — — —" האָבן די עלטערע פּויערים און פּויערטעס געמורמלט צו זיך אַליין; אַראָפּגעלאָזט זיך מיט גרויס שרעק אויף זייערע קני, וואָס האָבן זיך ווי אונטערגעהאַקט, און גענומען צלמען זיך. פאַר גרויס שרעק האָבן זיי צוגעמאַכט די אויגן. וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריינקוקן אין דעם פייערדיקן זונען־שטראַל. באַלד און דער שטראַל צוזאַמען מיטן ווייס־טוכענעם פרויען־קאָפּ זיינען פאַרשוואונדן; געבליבן זיינען צוויי פייערלעך אַליין.

די גראָמאַדע איז שטיין געבליבן און זיך שטאַרק דערפרייט ווען זייער פּאָפּ האָט זיך באַוויזן פונדערווייטנס. אין האַנט האָט ער געטראָגן אַ געבעט־ביכל, וואָס איז געווען אין שוואַרצן פּליוש געבונדן, פון וועלכן זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעשעפּטשעט אַ שטילע תפילה. ווען ר׳איז צוגעקומען צו דער גראָ־



מאַדע האָבן זיי געכאַפּט אים ביי די הענט, גענומען קישן זיינע פּעטלעכע הענט און בגדים און אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו די צוויי פייערלעך, וואָס זיי האָבן געזען פונדערווייטנס. דעם פּאָפּס בליק האָט זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון זיין עדה און ער האָט גענומען זאָגן אַ הייליקע תפילה אויף אַ הייליקער שפּראַך, וואָס זיי, די פּויערים, האָבן נישט פאַרשטאַנען. דער גלח מיט זיין עדה האָבן זיך גענומען דערנענטערן מיט פּאַמעלעכע, גאָטספאַרכטיקע טריט צו די ליכטלעך. דער גלח און דאָס פאָלק זיינען געווען שטאַרק גע־רירט, פול מיט שטומער עמאָציע, ווען זיי האָבן דערזעען אויפן שטיין ביים קוואַל צוויי חלבנע ליכטלעך און פאַר זיי, צוויי געפלאָכטענע, מיט מאָן באַשאָ־טענע קוילעטשלעך, וואָס די יידינע האָט געלאָזט ליגן, פאַרגעסנדיק אָן זיי.

„אַ נס, אַ גרויס נס, מיינע קינדערלעך"—האָט דער גלח מיט אַ ציטערדיק פרום קול געמורמלט; גענומען זיך צלמען און אַלע נאָך אים.

ווען שיינדל־ברײנע איז אַריבער די שוועל ביי איר באַקאַנטן דאָרפס־ייד, האָבן שוין די גלאָקן אין דער דאָרפישער צערקווע געקלונגען און בליץ־שנעל אָנגעזאָגט, אַז „די הייליקע מוטער" האָט זיך באַוויזן ביים קוואַל . . . דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָבן זיך שיינדל־ברײנע און אירע בעלי־בתים נישט אַרויסגערירט פון כאַטע אין דאָרף אַריין. זיי האָבן מורא געהאַט אפילו צווישן זיך אַליין אַרויסצורעדן אַ וואָרט וועגן „נס" ביים ברונעם, נייערט געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז עס זאָל זיך שוין באַווייזן דער ערשטער שטערן אויפן הימל, כדי צו קענען וואָס גיכער אַוועק אין שטאָט אַריין.

אויך ביים רבין, אין פּרעמישלאַן, איז נישט געווען גראָד פייגלדיק. דער עולם אין בית־מדרש בשעת קריאת־התורה, האָט זיך גוט געמערקט דעם רבינס צעטראָגנקייט. יעדער קלונג פון די גלעקער אין דער דאָרפישער צער־קווע האָט דערלאַנגט דעם רבין ווי מיט אַ האַמער אין האַרץ אַריין. ער, דער צדיק, האָט זער גוט געוואוסט, אַז פון קירכנגלאָקן ביז פּאָגראָמירן יידן איז אַ גאָר קורצער מהלך. האָט ער טאַקע די גאַנצע צייט געטענהט צום „טאַטן־אין־הימל", אַז ער זאָל זיי, די גויים אין דאָרף דאָרטן, נישט אונטערברענגען דעם ביטערן טראָפּן, דעם אָקעוויט. ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז די זון זאָל וואָס גיכער אַריבער צו מערב זייט.

ווען דער גבאי איז אַרויסגעגאַנגען בשעת שלוש-סעודות און, אַריינקומענ־דיק צוריק, אַ זאָג געטון, אַז ר׳מיינט מען מעג שוין בענטשן, ווייל מ׳זעט שוין דריי שטערן אויפן הימל, האָט דער רבי טיף אָפּגעאָטעמט און צו זיך אַליין אַ זאָג געטון: „כ׳דאַנק דיר, פאָטער אין הימל, זיי פאָרן שוין אַרויס פון דאָרף".—

(פאָרזעצונג קומט)

משה עובד

## דער אלף-בית טאַנץ

פראַגמענט פון בוך „אין חדר אַריין" וואָס וועט אי"ה ערשיינען הייאָר

פון דער באַפּעלקערונג פון ירושלים אַרומגעקראַנצט
און פון די בערג, ירושלים׳ס אייביקער וואַך,
האָט חוה אַן אלף־בית טאַנץ אויסגעטאַנצט
אַזש ביי אפּיקורסים באַשטעטיקט! „אַ שמים זאַך!"

ראשית האָט חוה ווי אַן אינדיאַנער געטין פּאָזירט,
אין דעם געשטאַלט פון אַן א געפרוירן ווי אייז,
פּלוצלינג! בלויז עטלעכע רגעות וואַלצירט,
און איר גוף איז שוין געבויגן ווי אַ ב.

דער עולם געפינט זיך נאָך ווי אין אַ חלום פון אַ דרימעל,
שטייט זי שוין אויף איין פיס ווי אַ ג
און אַט שוין ווי אַ ד זי בייגט זיך, ביקט זיך,
און דער עולם פאַר פרייד קוויקט זיך, שטיקט זיך.

כאַפּט חוה, וואַלצירנדיק, ס׳שטעקעלע פון אדם׳ס האַנט,
שטעקט עס אַריין אין ירושלים׳ס יו"טדיקן זאַמד,
בייגט זיך איין דאַרויף, און וואָס זעען זיי?
נאַטירלעך, די געטלעכע ה.

זי שטעלט זיך אויף, זי שמעלט זיך איין,
וויקעלט זיך ווי אַ מומיע אין דער ו איין,
זי צעשויבערט אירע לאָקן, אַרטיסטיש פיין...
און אַ קאַנוואולסירנדיקע ז פאַר זייערע אויגן טוט שטיין.

כהרף עין!
איז זי שוין אַ ח געבויגן אין דרייען
און זי פאַלט שוין אויף די קניען,
אירע פיס פון הינטן,
כמעט צום קאָפּ זיך ציען,
חוה אויס ח,
חוה איז ט.



זי שטעלט זיך, בליט ווי אַ נאַקעטער פרוכטבוים,
יעדע ברוסט אַן עפּל, יעדעס אויג אַ פלוים,
אָבער באַלד פאַלט זי אַליין אין זיך אַריין,
זי ווערט אַ י׳לע קליינטשיק קליין,
אַזש ס׳קליינוואַרג גערט זיך אַ צעוויין.

די קינדערלעך דאַנזשען קוים סעקונדן פון צייט צו זויגן,
ענטפּלעקט זיך פאַר זייערע פאַרווײנטע אויגן,
אַ הימלשער רעגנבויגן,
חוה ווי אַ כ זעען זיי געבויגן.

און די כ ציט זיך לאַנגזאַם ווי קוימען־רויך,
ווערט אַזש ווי אַ ל הויך,
און בשעת ס׳קליינוואַרג און ס׳גרויסוואַרג,
קוקן נאָך אַרויף מיט דערשטוינטע אויגן,
איז חוה שוין ווי אַ מ געבויגן.

געט זי זיך אַ וואַרף אין דער הוילער לופט און...
זי בלייבט פלאַך אויף די פיס ווי אין אַ בלאָטע אַ נ,
זי בייגט זיך און בייגט זיך,
און זי איז שוין אַ ס־ראָד,
אין אַ פליענדיקן קאַראַהאָד.

און אַזוי ווי ס׳יאָגן איר נאָך די בליקן,
ציט זי זיך אויס אויפן רוקן,
מאַכט פון ביידע הענט איין פויסט אויף איר שויס
און אַ געבוירענע ע זעט זי אויס.

די קינדערלעך, „ווי ס׳ראָד?" שרייען זיי,
אָבער חוה איז שוין געבויגן מיט דער פויסט צו זיך,
זי איז שוין אַ אַכציקערן, אַ פ,
אַן אַלטיטשקע, אַ קאַלטיטשקע, אין צו גרויסע שיך,

זי גערט זיך אַ שטעל אויף,
אירע פיס סטשיגען זיך ווי צוויי ווינטן
און פאַלט בלייבנדיק זיצן גלייך,
די פויסטן בייגט זי אַרויף פון הינטן
און עס זיצט אַ צ פאַר אייך.

שלענגלענדיק זיך בליציק,
כאַפּט זי ווייטער ס׳שטעקעלע פון אדם׳ס האַנט,
שטעקט עס ווייטער אַריין אין ירושלים׳ס יו״טדיקן זאַמד,
זי שטעקט ס׳שטעקעלע אַריין טיף
און שלענגעלט זיך דאַרויף שיף ווי אַ ק.

„זי האָט אסור ווי חזיר״, שווערן די קעצעלעך,
„ניט ביינער, נאָר בלויז פלייש״.
און אין שטורמדיקן אַפּלויזמענט
בייגט זי זיך ווי אַ ר,
האַלטנדיק ווי אַ פּרימאַדאָנע
צום האַרץ אירע הענט.

דער אַפּלויזמענט
פון ירושלים און פון פּערמאַמענט,
שטאַרקט זיך מיט יעדן אות,
און ווען אַלע שרייען:
„יאָ, דאָס איז פּאַראַדיס!״
געט זי זיך פריי אַ צעלאָז
אויף פעסטע פיס,
ס׳פלאַקערן באַקן!
ביינער קנאַקן!
אויגן ברענען און בריען!
הענט אין דער הייך פליען!
אַ פלאַמעדיקע ש.

איצט שווערן די קעצעלעך,
דאָס חוה די עלאַסטישע פראַכט,
איז רק פון ביינער און ביינדלעך געמאַכט,
אדם דאָס דערהערט,
רוימט ער אַיין אין זייערע אויערן,
„ס׳קען דאָך ניט זיין פאַרקערט,
זי איז דאָך פון מיין ריפּ געבוירן״.

חוה פאַלט כורעים, ווי אַ ת,
מיטן קאָפּ אין יו״טדיקן זאַמד אַריין,
דאַנקנדיק ירושלים דעם גן־עדנדיקן,



צו דער הימלישער ערד אַליין
טוט זי זיך אַמטיפסטן ביקן.

צום סוף מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ
איז זי געשטאַנען אויף איין דוימען־פינגער פון פיס,
אַ פּונקט! אַ סטאָפּ!
ווי אַ טרענדעלע אונזעבאַר זיך געדרייט
און מיט איר וועלט און צייט.

האָבן קינדער קינדער געפרעגט:
„וואו איז חוהשי? וואו איז דריידעלע?
מ׳זעט דאָך זי שוין ניט מער.
האָבן קינדער קינדער געענטפערט:
„זי איז אַרויסגעפלויגן פון איר געביידעלע
און זיך באַהאַלטן אין אַ טרער״.

אליהו פאלושאק

## זשארזש מאנדעל

(אַ פאַרשפעטיקטער נאָכרוף)

אין יולי 1944, אַ חודש נאָכדעם ווי די גרויסע באַפרייאונגס־אַרמיי איז געגאַנגען נאָך אייראָפּע, איז זשאָרזש מאַנדעל געוואָרן דערמאָרדעט פון דאַרנאַנדס מיליציאַנטן, פראַנקרייכס שוואַרצע גוואַרדיע. אין אַ פינצטערע נאַכט האָבן זיי אים געשלעפּט צום וואַלד פון פאָנטענבלאָ און דערשאָסן.

כמעט גאַנץ פראַנקרייך איז איצטער פריי, און דאָס באַפרייטע לאַנד וויל זיך רייניקן פונם שמוץ און פסולת פון די לעצטע יאָרן; וויל זיך רייניקן פון די קליקעס פון פאַראַט, קאָרופּציע און פּאָליטישע רעאַקציע—פון די גאַנצע קאַנאַליע, וואָס האָט געהאַסט אַלצדינג און אַלעמען; וואָס האָט געהאַסט אַ פריי רעפּובליקאַניש קעמפעריש פראַנקרייך, געטריי צו די אידעאַלן פון אַ גרויסע ציוויליזאַציע.

איינער פון די קעמפער און שומרים פון דער דאָזיקער פראַנצויזישער ציוויליזאַציע איז געווען זשאָרזש מאַנדעל.

ווען פראַנקרייך איז מיט פיר און אַ האַלב יאָר צוריק געווען אין דער גרויסער געפאַר צו ווערן פאַרשלינגען און פאַרטיליקט פון די זיגרייכע דייטשע מיליטערישע און פּאָליטישע אָפענסיוועס, האָט אַ גרופּע, אַזוי גערופענע איינ־

פלוסרייכע מענער געעצהט, אַז מען זאָל נאָכגעבן דעם שונא און שליסן שלום. די אינדוסטריאַליסטן, קירכנפירער, פאַרטרעטער פון די מיטלשיכטן, די אויבערשטע פירער פון דער אַרמיי — אַלע האָבן זיי געזאָגט, אַז פראַנקרייך מוז און זאָל אויפגעבן דעם קאַמף. זיי האָבן נישט געגלויבט אין פראַנקרייכס כוח. זייער אמונה איז געווען, אַז דער דייטשער מיליטער שטיוול וועט זיי באַשיצן פון דער באָלשעוויסטישער געפאַר. זשאָרזש מאַנדעל, דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער האָט יאָ געגלייבט אין פראַנקרייכס כוח. ער האָט געגלייבט אין פראַנקרייכס ווילן און חוב צו קעמפן; און אפילו פאַרלירנדיק דעם קאַמף אינעם מוטערלאַנד, ווייטער צו קעמפן אין די קאָלאָניעס ביז דער שונא וועט זיין געשלאָגן און פאַרניכטעט.

און ווען אין יענעם שטורעמדיקן אָקעאַן ס׳האָט עמיצער געפרעגט: „איז קיינער מער נישטאָ, וואָס זאָל ראַטעווען פראַנקרייך?" האָט זשאָרזש מאַנדעל שטיל און פייערלעך געענטפערט: „יאָ, ווען מיין נאָמען וואָלט געווען דיבוא, דאָס הייסט — ער, מאַנדעל, וואָלט געקענט ראַטעווען פראַנקרייך, ווען ער וואָלט נישט געווען אַ ייד?

---

די מערדער פון זשאָרזש מאַנדעל האָט מען געפונען און געברענגט פאַר אַ געשוואָוירענעם־געריכט, וועלכער האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט. דער פּראָקוראַטאָר האָט באַשריבן דעם דערמאָרדעטן אַלס „דייטשלאַנדס שונא נומער איינס". ער האָט ווייטער געזאָגט: „דער טויט פון זשאָרזש מאַנדעל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פראַנצויז און אַ הייסער פּאַטריאָט, איז געווען פאַרלאַנגט פון דייטשלאַנד. דער פאַרברעכן איז געוואָרן אויסגעפירט צום נוצן פון דייטשלאַנד".

דערמאָרדעט האָבן אים פראַנצויזישע שוואַרץ־מאַהניקעס.

זיין אמתער נאָמען איז גאָרנישט געווען מאַנדעל, נאָר פשוט ראָטשילד. זיינע אבות שטאַמען פון עלזאַס, פון יענעם קאַטוילישן עלזאַס, וואו די שנאה צו יידן איז טראַדיציע. זיינע אַמביציעס האָבן אים געטריבן צו דער גרויסער מעטראָפּאָלע פּאַריז. ער איז אַריין אין פּאָליטיק און איז געוואָרן זשאָרזש מאַנדעל (נישט מאַנ׳דעל, נאָר מאַנדע׳ל, מיט דער אַקצענטירונג אויפן לעצטן זילב). זיין נאָמען קלינגט איצטער פראַנצויזיש, ווי דער נאָמען פון זיין פּאָליטישן רבי און מייסטער זשאָרזש קלעמאַנסאָ; זיין פּאָליטיק איז פראַנצויזיש, ווי די פּאָליטיק פון זיין גרויסן לערער וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער צייט פון דער דרייפוס פעריאָדע, און ווען מען האָט מיט כמעט 30 יאָר צוריק געפרעגט: „איז קיינער מער נישטאָ וואָס זאָל ראַטעווען פראַנקרייך?" האָט מען געענטפערט: „יאָ, דער טיגער, דער טיגער! ברייננגט דעם טיגער!" דער טיגער קלעמאַנסאָ האָט פראַנקרייך געפירט פון מפּלה צו נצחון. זשאָרזש מאַנדעל האָט ביי אים געדינט אַלס פּריוואַט־סעקרעטאַר. דאָרט איז געווען זיין פּאָליטישע שולע. דאָרט איז ער געוואַקסן און איז געוואָרן איינער



פון די ערלעכסטע דינער, וואָס פראַנקרייך האָט פאַרמאָגט אין די לעצטע יאָרן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש און נאַטירלעך, אַז מאַנדעל האָט נישט סתם רעגירט, נאָר געדינט — נישט הכנעהדיק געביקט אָדער געבויגן, נאָר אַלס פרייער שטאָלצער בירגער האָט ער געדינט פראַנקרייך, וואָס איז געשטאַנען פאַרן אָפּגרונט פון אַ הייס־קאָכעדיקן כאַאָס. די „צוויי הונדערט נאָבעלע פאַמיליעס" האָבן זיך אַליין און פראַנקרייך פאַרקויפט צום שונא. און ער, דער זון פון אַ יידישן שניידער און תלמיד פון יענעם טיגער, וואָס האָט באַהאַנדלט גענעראַלן און מאַרשאַלן ווי חדר־ייִנגלעך, האָט געוואוסט און געוואָלט אַז פראַנקרייך זאָל ווערן געראַטעוועט נישט דורך פאַראַט און קאָרופּציע, נאָר דורכן בלוטיקן קאַמף קעגן דעם שונא, וואָס וויל פאַרשפרייטן דעם מבול איבערן גאַנצן קאָנטינענט און ווייטער.

אַלע יידישע מיניסטאָרן אין מאָדערנער צייט זיינען געווען דינער, פשוט דינער צו דעם לאַנד וואו זיי האָבן געלעבט. זיי זיינען כמעט אינגאַנצן געווען פרעמד צו זייער אייגן פאָלק, זיינע ווייטאָקס און ליידן. הוגא האַאַזע, דער פירער פון די דייטשע לינקע סאָציאַליסטן אין דער לעצטער מלחמה און אין דער צייט פון דער דייטשער רעוואָלוציע 1918-19 אין געקומען פון אַ רייך יידיש־נגידיש הויז פון קעניגסבערג אין מזרח־פּרייסן. ער האָט געהאַט אַ גוטע קאַריערע אַלס אַדוואָקאַט, און דאָך האָט ער געדינט און געאַרבעט פאַרן דייטשן פּראָלעטאַריאַט. און דער אילוסטרער אינדיווידואַליסט, דאָקטער וואָלטער ראַטענוי, דער באַרימטער זין פון אַ באַרימטן טאַטן; ער, דער גרויסער אינדוסטריאַליסט, וואָס האָט אונז מזרח־יידן באַצייכנט אַלס אַ סטאַדע ווילדע אַזיאַטן, האָט געטריי געדינט אין צייטן פון מלחמה און שלום פאַר זיין לאַנד. און ווען דייטשלאַנד, פאַראַטן פון איר מיליטער קליקע, האָט אין יאָר 1921 געברויכט אַ פעאיקן ענערגישן אויסערן־מיניסטער, האָט מען געשיקט נאָכן רייכן אומאָפּהענגיקן דר. וואָלטער ראַטענוי. און ער, דער אַלטער איינזאַמער בחור, האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיין מוטער, דער זקנה: „מאַמע, איך גיי צו עקדת יצחק". (מוטער, איך געהע איינען אָפּפערגאַנג). אי האַאַזע, אי ראַטענוי, האָבן נישט געזוכט קיין כבוד, איינפלוס אָדער קאַריערע ביי זייער פּאָליטישער טעטיקייט. זיי האָבן געדינט, געטון עבודה. און עבודה הייסט נישט איין נאָר צוויי זאַכן: דינסט און אַרבעט. און ווען זייענדיק אויסערן־מיניסטער פון אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרלוירן די מלחמה און געווען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער, ראַטענוי, מיט דעם פאַרטרעטער פון דער ייִנגער סאָוויעט־רעפּובליק געשלאָסן דעם טראַקטאַט פון ראַפּאַלאָ, איז דאָס דעמאָלטיקע דייטשלאַנד מיט איין קלאַפּ אַרויס פון דער הערמעטישער איזאָלאַציע. די שונאים פון דרויסן האָבן געבושעוועט און די אמתע פריינט פון אַ פרייען דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד האָבן געוואוסט, אַז נאָר איין מענטש איז געווען פעאיק צו ברייננגען אַזאַ דערפאָלג. אָבער די קאַנאַליע האָט שוין געוואָרט ערגעץ־וואו אין אַ באַהאַלטן ווינקל מיט אַ בלישטשעדיק מעסער אָדער פּיסטאָל.

האָזע און ראַטענוי און פילע אַנדערע, וואָס זיינען נישט געווען קיין מיניסטאָרן; מענטשן ווי ראָזאַ לוקסעמבורג, אָפשר די גרעסטע פּרוי פונם יידיש־פּוילישן קולטור קרייז; קורט אייסנער און גוסטאַוו לאַנדויער—אַלע האָבן זיי געדינט, געטון עבודה פאַר אַ פאָלק, פאַר אַ קלאַס. זיי זיינען אַלע געגאַנגען צו אַן „אָפּפערגאַנג", צו עקידת יצחק. זיי זיינען געפאַלן פון אַ מערדערישער האַנט. די קאַנאַליע האָט דעם אַלטרואיסטישן דינסט פון אַ ייד נישט געוואָלט. אי האָזע, אי ראָזאַ לוקסעמבורג, אי ראַטענוי זיינען פאַר זיי געווען פסולת אינם דייטשן לעבן, ווי דער „זשואיוו" זשאַרזש מאַנדעל איז געווען פסולת פונם פראַנצויזישן לעבן אין די אויגן פון דאַרנאַן, לאַוואַל און חברים.

און איצטער, ווען פראַנקרייך שטייט אויף תחית המתים און אין אינמיטן פון אַ נייער רעוואָלוציע, ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק האַלט ביים בודק חמץ זיין און באַפרייט זיך פונם מיאוסן און שטינקעדיקן איינפלוס פון די „200 נאָבעלע משפחות", ווי וואָלט אַ מענטש און פּאָליטיקער ווי זשאָרזש מאַנדעל געווען נוצלעך פאַרן אויפבוי פון אַ ניי פראַנקרייך און אַ ניי אייראָפּע.

ווי האָט געזאָגט דער פּראָקוראַטאָר: „ער איז געווען אַ גרויסער פראַנצויז און אַ הייסער פּאַטריאָט".

אָבער נישט דעם פראַנצויז האָבן זיי, די שוואַרץ־גוואַרדיסטן, דערהרגעט, נאָר דעם ייד, דעם זון פון אַ יידישן שניידער דאָרט ערגעץ אין עלזאַס, אונזער ברודער און מאַרטירער — ז ש אָ ר ז ש  מ אַ נ ד ע ל.

י. ריכטיגער

## שעקספּירס „קאָמעדיע פון דעם סוחר פון ווענעדיג"

(צום דריי הונדערט און פופציקסטן יאָר פון איר דערשיינונג)

שעקספּירס „קאָמעדיע פון דעם סוחר פון ווענעדיג"—שיילאָק—איז איינע פון די וועלט באַקאַנטסטע פּיעסן; זי ווערט געשפּילט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. עס איז אָבער שווער מיט באַשטימקייט צו זאָגן, וואָס עס האָט מער ביי געהאָלפן צו איר באַרימטקייט איר קינסטלערישער ווערט אָדער איר פאַרשוואַרצן דעם יידישן פּנים? וואָרים, עס איז ניט פאַראַנען קיין צווייטע פּיעסע אין דער וועלט ליטעראַטור, וואָס זאָל האָבן געשאַפן אַזוי פיל בייז בלוט און אַזוי פרייגיביק בייגעשטייערט צו דער יידישער טראַגעדיע, ווי די דאָזיקע — אַזוי גערופענע — קאָמעדיע. פאַרן יידישן פאָלק איז אפילו קיין אונטערשיד ניט וואָס ס'איז געווען די סיבה צו איר באַרימטקייט. פאַר זיי באַשטייט דער טרויריקער פאַקט, אַז באַלד דריי־הונדערט און פופציק יאָר ווערן די פעלקער פון דער וועלט געשפּייזט מיט אַ ליטעראַריש ווערק פון ערשטן געהאַלט.



פאַרפאַסט פון דעם דעם פּאָטער פון די אייראָפּעאישע קלאַסיקער, וואָס ניט קוקנדיק ווי אַזוי מען זאָל עס שפּילן, פאַרגיפטעט עס די מוחות פון די פּראָסטע מענטשן, צוליב דעם וואָס דער אידעאָלאָגישער באַזיס איז אַ פאַלשער . . .

דער ערלעכער פאָרשער, וועמען עס איז באַקאַנט די יסודות פון יודאַאיזם און דיווירקלעכע אייגנשאַפטן פון די יידן, ווען ער פאַרטיפט זיך אין די האַנדלונגען און דיאַלאָגן פון דער פּיעסע, מוז מודה זיין, אַז שעקספּיר האָט בכוונה געגעבן שיילאָקן די פיזיאָנאָמיע. ער איז געצוואונגען פעסטצושטעלן, אַז שעקספּיר האָט מיט די פּיעסע געוואָלט באַרואיקן דעם געוויסן פון דער קריסטלעכער וועלט. אַז ער האָט ספּעציעל געשאַפן אַזאַ אכזריותדיקן שיילאָק, כדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים קעגן דעם יידישן פאָלק. צו באַהויפּטן, אַז ער האָט געגעבן שיילאָקן דעם פּנים, ווייל ער האָט ניט געקענט קיין יידן, איז ניט ריכטיק, וואָרים ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די יידן זיינען פיזיש גלייך צו די קריסטן און ער האָט אויך געהאַט אַ גענוגענדע ידיעה אין תנ"ך אום צו וויסן וואָס זייער אידעאָלאָגיע איז. מען מוז דערפאַר אָננעמען, אַז ער האָט בכוונה געגעבן שיילאָקן די מאַסקע פון אכזריות. שעקספּיר איז ניט געווען קיין ראַסיסט, נאָר ער האָט געגלויבט אַז אמתע ליבע קאָן אַליין זיין צווישן קריסטן. ער האָט אין די טראַגי־קאָמעדיע דייטלעך אָנגעוויזן אַז דער אכזר איז ניט שיילאָק דער מענטש, נאָר ער איז שיילאָק דער העברעער. די האַנדלונגען פון דער פּיעסע זיינען אַזוי אויפגעבויט, אַז זיי דערוועקן ביים צושויער אַ רחמנות געפיל צו שיילאָק דעם מענטש. די אונגערעכטיקייט וואָס אַנטאָניאָ איז באַגאַנגען קעגן איבער שיילאָקן איז אַזוי בולט, אַז דער צושויער שרייט פאַר נקמה. אמת! שיילאָקס נקמה איז אַ אונמענטשלעכע: דאָס וועלן אויסשניידן אַ פונט פלייש פון אַנטאָניאָס ברוסט איז אַ שוידערלעכע טאָט. שעקספּיר האָט אָבער איבערצייגט דעם צושויער, אַז שיילאָק זעלבסט איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ברוטאַלע אידעע. עס איז זיין יידיש דענקן וואָס טראָגט די שולד דערפאַר. און דער צושויער גלויבט דאָס. ער ווייסט שוין דאָס זינט אַ לאַנגע צייט; פון זיין קינדהייט אָן האָט מען אים איינגעפּומפּט דעם געדאַנק, אַז דער ייד שטייט אַנטאַגאָניסטיש קעגן איבער דער קריסטלעכער ליבע.

אין ערשטן אַקט, סעק. דריי, ווייזט שעקספּיר טאַקע אָן, אַז דער ייד איז ניט פעאיק צו אמתע פריינטשאַפט. ווען שיילאָק טענהעט זיך אויס מיט אַנטאָניאָן און ער וואַרפט פאָר אַנטאָניאָן, אַז ער האָט אים באַשפּיגן אין די ריאַלטאָ, אים אָנגערופן אונגלויביקער און הינטישער האַלדז־שניידער אַליין צוליב דעם וואָס ער: שיילאָק איז אַ ייד. ער איז אָבער באַרייט אַנטאָניאָן אַלעס מוחל צו זיין. ער וויל אים העלפן אין זיין נויט: אים באָרגן געלד אָן פּראָצענט, ווייל ער וויל מיט אים ווערן פריינט. אָננעמענדיק דעם פאָרשלאַג זאָגט אַנטאָניאָ צו זיין פריינט באַסאַניאָ „דער העברעער וועט נאָך ווערן אַ קריסט; ער הייבט אָן צו ווערן ליבנסווירדיק". אָט דער געדאַנק, אַז דער ייד

קאָן ניט האָבן קיין געפיל פאַר ליבע און פריינטשאַפט, איז דער באַזיס אויף וועלכן די גאַנצע פּיעסע איז אויפגעבויט.

נאָך מער בולט קומט אַרויס דער געדאַנק ווען מען פאַרגלייכט די פּאָלגענדע האַנדלונגען פון ערשטן און דריטן אַקט. אום זיין פריינט באַסאַניאָ צו העלפן אין זיינע ליבע אַוואַנטורעס, באָרגט זיך אַנטאָניאָ געלט און שרייבט אונטער אַ קאָנטראַקט, דאָס אויב ער וועט דאָס געלט ניט צוריק צאָלן צום טערמין, וועט ער זיך לאָזן אויסשניידן פון זיין קערפּער אַ פונט פלייש. דאַקעגן אָבער האָט דער ייד שיילאָק, ניט בלויז קיין געפיל פאַר אַזאַ ליבע, נאָר — ווי שעקספּיר ווייזט אונז אָן אין דריטן אַקט — אַז אַפילו נאָכדעם ווי זיין איינציקע טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט דעם קריסט לאָרענץ, קלאָגט ער ניט אויף זיין טאָכטער וואָס האָט אים פאַרלאָזן, נאָר ער באַוויינט די גאָלדענע דוקאַטן און איידל-שטיינער וואָס זי האָט ביי אים צוגעגנבעט. אַז די דאָזיקע אונמענטשלעכע געפילן זיינען ניט קיין פועל יוצא פון דעם וואָס שיילאָק איז עפּעס אַ אומנאַטירלעכע בריאה באַווייזט אונז שעקספּיר אין דעם דיאַלאָג וואָס גייט אָן צווישן שיילאָקן און אַנטאָניאָס פריינט סאַלאַניאָ, אין דריטן אַקט, סעק. איינס. זיי בעטן אים, אַז ער זאָל זיך ניט נוקם זיין אין אַנטאָניאָן. ניט ווייל אַנטאָניאָ האָט ניט באַגאַנגען קעגן אים נידערטרעכטיקייטן, נאָר ווייל ער קאָן דאָך גאָר ניט האָבן קיין פּראָפיט פון דעם וואָס ער וועט ביי אַנטאָניאָ אויסשניידן אַ פונט פלייש. שיילאָק ענטפערט זיי: „אויב דאָס פונט פלייש קאָן צו גאָר ניט דינען, קאָן עס שפּייזן מיין ראַכע; ער האָט מיר געשטערט מיינע געשעפטן, געלאַכט פון מיינע פאַרלוסטן, געשאָלטן מיין פאָלק, אָבגערעדט פון מיר מיינע פריינט, אויפגעהעצט קעגן מיר מיינע פיינט. פאַרוואָס? ווייל איך בין אַ ייד. האָט קיין ייד ניט קיין אויגן? האָט אַ ייד ניט הענט, אָרגאַנען, חושים, ליבע און ליידנשאַפטן?” א.אַז.וו. „אויב מיר זיינען גלייך צו אייך מיט אַלעם אַנדערן ווילן מיר אויך גלייך זיין מיט דעם: איר נעמט נקמה אויב מען באַהאַנדלט אייך שלעכט, מיר ווילן אויך נקמה נעמען; די שמוציקייטן וואָס איר האָט מיך געלערנט וועל איך אויספירן בעסער און ראַפינירטער”. און שעקספּיר ווייזט אָן פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו דעם מענטש שיילאָק אַזאַ אומענטשלעכקייט.

אין פירטן אַקט, סעק. איינס, ווייזט שעקספּיר אָן, אַז שולדיק אין שיילאָקס אכזריות איז זיינע יידישע פרינציפּן. זיין אומענטשלעכקייט איז אַ פועל יוצא פון זיין יידישקייט. שיילאָק ווערט פאַראורטיילט, ווייל ער האָט געוואָלט טויטן אַ קריסט. זיין פאַרמעגן ווערט קאָנפיסקירט און ער מוז זיך שמדן. שיילאָק, דער קרבן פון יידישער האַרצלאָזיקייט ווערט געראַטעוועט דורך די קירכע. דאָס איז דער מוסר השכל, וואָס שעקספּיר האָט געוואָלט געבן. עס איז קיין אונטערשיד ניט, ווי אַזוי דער אַרטיסט שטעלט פאַר שיילאָקן. ער קאָן דעם מוסר השכל ניט אויסשאַלטן. שעקספּיר האָט געוואָלט אַרויסרופן מיטלייד צו שיילאָק דעם מענטש און באַשולדיקן שיילאָק דעם ייד. ער האָט דאָס מייסטערהאַפט אויסגעפירט. דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון דער „קאָמעדיע



פון דעם סוחר פון ווענעדיג” און סימבאָליש קאָן שיילאָק פאַרשטעלן ישראליק און דזשעסיקאַ, זיין טאָכטער, דאָס קריסטנטום.

היינריך היינע שרייבט: „ווען איך האָב געזען די קאָמעדיע אין דרורי־ליין, איז געשטאַנען אונטער מיר אין דער לאָזשע אַ בלאַסער, בלאָנדער בריט, וואָס האָט ביים סוף פון פירטן אַקט אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן: דער אָרימער מאַן איז געוואָרן באַעוולט! . . . ווען איך דערמאָן זיך די טרערן, מוז איך דעם סוחר פון ווענעדיג שטעלן אין די רייע פון די טראַגעדיעס, ניט קוקנדיק וואָס דאָס שטיק איז דעקאָרירט מיט די פריילעכסטע פיגורן, מאַסקעס פון סאַטירס און קופּידס, און דער פּאָעט האָט געוואָלט מאַכן פון דער פּיעסע אַ קאָמעדיע . . . איך, דער וואַנדערנדיקער חלומות־פאַנגער וואָס איך בין, איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבעראַל, אין די ריאַלטאָ צו זען אויב איך קאָן ניט געפינען שיילאָקן . . . איך האָב אים ניט געפונען, און איך האָב באַשלאָסן אים צו זוכן אין דער סינאַגאָגע. די יידן האָבן פּונקט געפייערט זייער יום כפור . . . איך האָב זיך איבעראַל אַרומגעקוקט אין דער סינאַגאָגע און ניט געקאָנט ענטדעקן אַ שיילאָק פּנים. אָבער קעגן אָוונט, ווען לויט דעם יידישן גלויבן, שליסן זיך די טויערן פון הימל און עס ווערט ניט צוגעלאָזן מער קיין תפילה צו גאָט, האָב איך דערהערט אַ טרערן דורכגעווייקטע שטימע וואָס איז קיינמאָל ניט אויסגעוויינט געוואָרן דורך אויגן. עס איז געווען אַ זיפץ פון אַ ברוסט וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע מאַרטיראָלאָגיע וואָס אַ געפּייניקט פאָלק האָט זיך אָנגעליטן אַכטצן הונדערט יאָר. עס איז געווען דער גסיסה כאָרכל פון אַ נשמה וואָס האָט טויט מיד אָנידערגעזונקען ביים טויער פון הימל. עס האָט מיר געשיינט, אַז איך קען די שטימע, איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב די שטימע אַמאָל געהערט — אין פאָלקאָמענער פאַרצווייפלונג אויסקלאָגנד, דעמאָלט ווי איצט, דזשעסיקאַ מיין קינד!” — — דזשעסיקאַ מיין קינד, ווי טיף דו ביזט געפאַלן! כדי צו פאַרטיידיקן די בעסטיאַליטעטן וואָס דו באַגייסט קעגן איבער דיין פאָטער, זאָגסטו אויף אים, אַז ער איז אַן אכזר.

## פון יידישן פאָלקס-מויל

## וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, געקליבן און באַאַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

### א קורצע הקדמה

די יידישע ליטעראַטור איז אָרים אין פאָלקלאָר אויסגאַבן, און באַזונדערס נישטיק איז דער פאַרעפענטליכטער מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ שייכות צום אָק־

ראַינישן ייִדנטום. דאָס איז אַ גרויסער שאָד, ווייל גראָד דער פאָלקלאָר, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „אוקראַינישער", איז באַזונדערס רייך מיט זיין שאַרפזיניקייט, געזונטן ערדישן הומאָר און מענטשלעכן „שכל־הישר". שוין אָפּגערעדט פון זיין אידישן קאָמיש־טראַגישן וויטץ. דער געדאַנק פון פאַרעפנטלעכן מיין זאַמלונג איז געקומען מיט אַ צייט צוריק פון מיין אַלטן פריינט ישראל נאַראָדיצקי ז"ל. אַליין אַ געבוירענער אין דער גאָט־געבענטשטער אוקראַינע איז ער געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר אַזאַ אויסגאַבע, אַז ער האָט זי געוואָלט אַרויסגעבן אין אַ בוך־פאָרם און אויף זיין אייגענעם חשבון. זייענדיק פאַרנומען מיט אַנדערע אַרבייטן האָב איך צום באַדויערן נישט געקענט צוטרעטן צו בעאַרבייטן דעם מאַטעריאַל, וואָס איז ביי מיר געזאַמעלט פון כמה יאָרן, אָבער נישט וועלנדיק אָפּלייגן אויף לאַנג, טרעט איך יעצט צו צו דער אַרבעט, וואָס איז אין אַ געוויסן זינען אַ פּיאָנערן אַרבעט אויף דעם געביט.

מיין זאַמלונג קען איינגעטיילט ווערן אין דריי טיילן: 1) גלייכווערטער און וויטצן, וואָס איך האָב געהערט פון יידישע פירער און שרייבער, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג פאַר פילע יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אונזערע „שיחות חולין של תלמידי חכמים" און וועלן באַצייכנט ווערן יעדעס מאָל מיט דעם נאָמען פון דעם מחבר. 2) „מעשהלעך", וואָס איך האָב געהערט אין מיין פריער יוגענט, מערסטנטייל פון מיין מוטער, אַליין אַ פאָלקס־מענטש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו „אייראָפּעאישער" קולטור און האָט פון איר גאָר נישט געוואָסן. 3) „שפריכווערטער" וואָס גייען אַרום אין אוקראַינישן ייִדנטום פאַר צענדליקער און אפשר הונדערטער יאָרן. זיי טראָגן אויף זיך נישט קיין נאָמען פון אַ ספּעציעלן מחבר, אָבער זיי זיינען פּאָפּולער ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און זיינען גאַנץ אָפט געשאַפן געוואָרן אום צו באַצייכענען אַ געוויסע ערשיינונג אין יידישן לעבן אָדער צו דינען אַלס אַ „מוסר השכל" פאַר אַנדערע פון זיי עפּעס צו לערנען.

איך ווייס, אַז עס וואָלט אפשר געווען נויטיק געבן אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלקלאָר אויף דער אוקראַינע נאָך איידער דער לעזער קומט צום מאַטעריאַל גופא. אָבער איך טו דאָס נישט צליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, לאָז איך איבער דעם „פירוש" פאַר אַנדערע, די זאַמלונג, האָף איך, רעדט פאַר זיך; צווייטענס, גלויב איך, אַז עס וועט זיין פיל בעסער צו געבן אַזאַ „פירוש" צום סוף, ווען עס וועט זיין מעגלעך צו ציטירן פונם געדרוקטן און בעגרינדן מיין מיינונג און אָפּשאַצונג מיט אויסצוגן פון דעם פאַרעפענטלעכטן מאַטעריאַל, וועלכע באַשטעטיקן מיינע אויספירונגען און כאַראַקטער־שטריכן פון דעם יידישן פאָלקלאָר אויף דער אוקראַינע. .

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער מאַטעריאַל וועט נאָך אַמאָל מוזן סאָרטירט ווערן לויט זייך אינהאַלט און פערשידענע צווייגן פון לעבן וועלכע ער באַרירט, אָבער דאָס איז אַן אַרבעט פאַר שפּעטער. דערווייל וועל איך זיך



באַגרעניצן דאָמיט, וואָס יעדעס קאַפּיטל, וואָס וועט קומען אין „חודש־העפטל" וועט אין זיך האָבן ביישפּילן פון אַלע דריי אויבנדערמאָנטע טיילן פון יידישע רעדנסאַרטן, און ווי אַ וויטץ אָדער אַ פאָלקס־שפּרוך וועט נישט זיין אינגאַנצן קלאָר, ווייל ער איז אַ רמז אויף עפּעס אַ ספּעציעלע ערשיינונג אין יידישן לעבן פון אוקראַינע, וועל איך אָנגעבן אין אַ באַמערקונג, געדרוקט מיט פּעטיט, דעם מקור אָדער די אָנווייזונג, אויף וועלכער דאָס פאָלקס־וואָרט שטיצט זיך.

לאָנדאָן, דעצעמבער 1944.

צבי ארנשטיין

## א פאַר באמערקונגען וועגן ש. אבראמסקיס ארטיקל „אונזערע ברידער אין רוסלאנד"

מר. ש. אַבראַמסקי האָט אַ גרויסן טעות אויב ער מיינט, אַז מיט אַ פּאַראַפראַזירונג און ניט קאָרעקטער אינטערפּרעטאַציע פון דר. ווייצמאַנס אַן אויסדרוק, וועט ער מרעיש עולמות זיין. כבודו במקומו מונח. דר. ווייצמאַנס פּערזענלעכקייט ווערט דורך ש. אַבראַמסקיס אונלאָגישער אויסטייטשונג גאָר ניט געמינערט, אפילו ניט כקוצו של יוד. ס'איז ניט אמת און ניט שכלדיק צו באַהויפּטן, אַז דר. ווייצמאַן האָט די קלענסטע אַבזיכט צו איגנאָרירן, אָדער ווי אַבראַמסקי דריקט זיך אויס, „אַבצומעקן מיט אַ פּאָר גלאַטע ווערטער די גרויסע דערגרייכונגען פונם רוסישן יידנטום. אדרבא, ניט אַ דיסאַנאַנס (ווי אַנדערע טוען עס); נאָר האַרמאָניע בעאַבזיכטיקט דר. ווייצמאַן אַריינצוברענגען צווישן די בײדע טיילן פונם יידישן פאָלק. „תנא ושייר", דר. ווייצמאַן האָט נאָך ניט אַלץ פּרטים'דיק דערזאָגט מיט זיין לאַקאָנישן אויסדרוק: „גייסטיק איז דאָס רוסישע יידנטום אָבגעמעקט". וואָס דר. ווייצמאַן וואָלט וועלן זאָגן איז: אַז מיר יידן פון דער גאַנצער וועלט רעספּעקטירן און שעצן דווקא גאָר הויך דאָס גרויסע רוסישע פאָלק בכלל, און אונזערע רוסישע ברידער בפרט, פאַר זייער גרויסע ערהאַבענע דערגרייכונגען. ס'איז קיין שום ספק ניט אַז רוסלאַנד איז דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט וואָס האָט עוקר מן השורש געווען דעם אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, און מיר האָפן אויך, אַז אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות וועלן נאָכפאָלגן זייער נאָבעלן ביישפּיל. אגב, מיר יידן שטרעבן נאָך צו אַ העכערן אידעאַל, צום „ביום ההוא וכתתו חרבותם לאתים". נאָר דאָס איז אַ מזמור שיר לעתיד לבוא, אַ צוקונפט מוזיק. דערווייל וואָלט דר. ווייצמאַן וועלן האָבן די זכיה צו דערלעבן דעם ריקקער פונם רוסישן יידנטום צו זיין אמתן מקור, צו זיינע אמתע העברעאיש־יידישע קולטור אוצרות פונם יידישן פאָלק. מיר יידן פאַרמאָגן צוויי ערהאַבענע קולטורן, אַ העברעאישע און יידישע קולטור, און הא בהא תליא, איינע דערגענצט די אַנ־

דערע און מיר האָבן זיך לחלוטין גאָר ניט וואָס צו שעמען מיט זיי ביידן. אָט אויף די געביטן זײַנען אונזערע רוסישע ברידער תמיד געווען פּראָדוקטיוו און שעפעריש אויף אַ גאָר ברייטן מאָסשטאַב. און אָטאָ די גרויסע אויפגאַבן זײַנען דערווייל נאָך דר. ווייצמאַנס מיינונג, מחמת פאַרשידענע אורזאַכן און אומשטענדן, ביים רוסישן יידנטום אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער מיר האָבן נאָך לחלוטין ניט אויפגעגעבן די האָפנונג ווידער אַמאָל ווי מקדמת דנא, צו געניסן פון די גרויסע אָריגינעלע גייסטיקע יידישע אוצרות פונם באַהאַלטענעם רעזערוואָאַר פונם רוסישן יידנטום.

מר. ש. אַבראַמסקי פרעגט אַ קלאָץ קשיא: „ווער האָט ווייצמאַנען סמיכה געגעבן אויף אַרויסצוגעבן אַטעסטאַטן ווער ס׳איז אַ ייד און ווער ניט". און אַלס אַ גרויסער „בר סמכא", נעמט ער כלומרשט אַוועק פונם גרויסן יידישן פירער זײַן סמיכות און אויטאָריטעט פאַר אַזוינע ענינים. מר. אַבראַמסקי מאַכט זיך כלא ידע, דאָס וואָס תינוקות של בית רבן ווייסן, אַז מיליאָנען יידן האָבן אים די סמיכה געגעבן צו רעדן אין נאָמען פון יידישן פאָלק בנוגע זײַנע אַנגעווייטיקטע פראַגן און פּראָבלעמען. יאָ, מיליאָנען יידן האָבן אים די אויטאָריטעט פאַרשאַפט. אָבער וואו זײַנען די יידן וואָס האָבן אַבראַמסקין פאַרסמיכעוועט און באַפּאָלמעכטיקט אַרויסצוגעבן הסכמות פאַרן רוסישן יידנטום און אָבצופּטרן אַזאַ יידישע שטאַאַטסמענערישע פערזענלעכקייט ווי דר. ווייצמאַן, מיט אַ פּאָר גלאַטע ווערטער? דאָס רוסישע יידנטום, זאָגט ער, באַדאַרף קיינע הסכמות. אמת. און אין זײַנע הסכמות, נויטיקט זיך יאָ דאָס רוסישע יידנטום?

מר. ש. אַבראַמסקי דערצעלט אונז ווייטער „בצלצלי שמע", אַז די רוסישע יידן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אויף אַלע געביטן פון לאַנד, מלחמה, און אַז די אַמאָליקע לופט-מענטשן און מנחם מענדעלס זײַנען צום ערשטן מאָל געוואָרן אַ נאָרמאַל פאָלק. ער האָט ענטדעקט אַמעריקאַ! ווער ווייסט דאָס ניט? מען ווייסט אפילו אויך אַז די יידן אין ארץ ישראל שפּילן אויך אַ וויכטיקע ראָלע אין דער מלחמה. באַקומען זיי ניט פאַרשידענע מעדאַלן און אויסצייכנונגען אין קאַמף קעגן פאַשיזם און נאַציזם? אויך אין ארץ ישראל זײַנען אַ גרויסער טייל מנחם מענדעלס און לופט־מענטשן געוואָרן פשוטע האָראָפּאַשנע נאָרמאַלע פּראָדוצירנדע יידן, נעמענדיק אַנטייל אפילו אין יעדער שוואַרצער אַרבייט. און מיר שטרעבן טאַקע דעם גאַנצן גלותדיקן מנחם מענדעליזם אויסצוואָרצלען און אומצוואַנדלען צו בויענדע שעפערישע געזונטע עלעמענטן. דאָס וואָס די קבוצות האָבן אין ארץ ישראל באַוויזן האָט נאָך דערווייל בירא־בידזשאַן ניט באַוויזן. אָבער לא על הלחם לבדו יחיה האדם. וואָס איז מכוח אונזער העברעאישע קולטור אין רוסלאַנד? פון שלום עליכם, פרץ מאַרקיש און אַזוי ווייטער הייבט זיך נאָך ניט אָן אונזער ערהאַבענע קולטור און ענדיקט זיך אויך ניט מיט לייב קוויטקאָס קינדער ביכלעך.

מר. ש. אַבראַמסקי איז אין זיבעטן הימל וואָס די אויבנדערמאַנטע שריפטשטעלערישע ווערק זײַנען אין רוסלאַנד דערשינען אין די טויזנטער



אויסגאַבן. אמת, גם זו לטובה. טאַקע אַ באַדייטנדער ערפאָלג. אָבער אין וויפיל אויסגאַבן זײַנען דערשינען דער תנ"ך, תלמוד, רמב"ם, און פון די מאָדערנע גדולים ווי ביאַליק, טשערניכאָווסקי, אחד־העם און אַזוי ווייטער? מר. אַבראַמסקי גיט אויך צענדליקע ציפערן וועגן יידישע שולן, הגם פאַר אַ באַפעלקערונג פון אַ פּאָר מיליאָן יידן, כן ירבו, זײַנען צענדליקע יידישע שולן אַ גאָר קנאַפּע מינימאַלע צאָל. נאָר וויפיל העברעאישע שולן זײַנען פאַראַן אין רוסלאַנד? דאַכט זיך אַז אפילו דער עקסטרעמסטער קאָמוניסט וועט דאָך קאַטעגאָריש ניט באַהויפּטן אַז אַ פּאָר מיליאָן יידן נויטיקן זיך ניט אין אַ פּאָר העברעאישע שולן. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אַ באַדייטנדער טייל יידן געפינען זיך דאָך אין רוסלאַנד וואָס לעכצן נאָך אַזאַ אינסטיטוציע. עקזיסטירט דאָרט אַזאַ לערנאַנשטאַלט?

אגב, ס׳איז כדאי צו באַמערקן (הגם ס׳האָט ניט צו טון מיט אַבראַמסקיס אַרטיקל, אָבער ס׳האָט דאָך אַ שייכות צו אונזער טעמע), אַז אין רוסלאַנד געפינען זיך באַדייטענדע פענאָמענאַלע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי פּראָפעסאָר מיכאל, פּעפּער און אַנדערע גרויסע יידן וואָס פאַרנעמען אַ גאָר חשובן אָרט אין מזרח פונם רוסישן יידנטום, אָבער זיי זײַנען דאָך פון די אמתע טיפן פונם אַלטן בית המדרש, ווי זיי האָבן געצויגן זייער יניקה פון תורה און חכמה אין מאָדערנעם זין פון וואָרט, אָבער ווי אַזוי זעען אויס זייערע נאָכפאָלגער מיט זייערע „עמעסען"?

בנאמנות, דר. ווייצמאַנס דעפיניציע בנוגע דעם איצטיקן גייסטיקן מצב פונם רוסישן יידנטום איז אַן אמת (אמת מיט אַן אלף) ריכטיק לאָגיש. ווי אַזוי דאָס רוסישע יידנטום וועט זיך לעתיד לבוא אויספאָרמעווען ווייס קיינער ניט, אפילו ניט דער „בר סמכא" ש. אַבראַמסקי. אָבער דאָס איז קלאָר, אַז ביי אונז יידן איז אַ יעדער רוסישער ייד טיף איינגעבאַקן אין האַרצן פאַר זײַן וואונדערלעכן איבערנאַטירלעכן מאַקאַבעאישן העראָאיזם און מסירת נפש פאַר דער אַלגעמיינער פרייהייט בכלל און פאַרן יידנטום בפרט. און דאָס איז שוין גאָר אַ הויכע מדרגה, טאַקע לעילא ולעילא. דערפאַר האָפן מיר נאָך פיל נחת צו דערלעבן ביים רוסישן יידנטום. עוד לא אבדה תקותנו...

## פאַרטיי־טעטיקייט און קולטור־אַרבעט

(אַ סך־הכל שטריך צום יאָר 1945)

I.

זאָלן זיי נישט מיינען די אַלע פאַרטייען און פאַרטייעלעך אונזערע — ווי גרויס זיי זאָלן פון זיך אַליין נישט דענקען, און פון די חשיבותדיקע וויכטיקייט פון זייער טיכטיקער טעטיקייט!—אַז אויפן יסורים צעצויקטן רוקן פון אונזער פאָלק וועלן זיי באַלאַנסירן זייער האַלב־פּאָליטיש, האַלב־פּריוואַטע בילאַנס־

לעך; אַז פון די אָפּגעשונדענע פעל פון דער יידישער קלאַטשע וועלן זיי זיך שוין איצט אויפנייען זייערע שפּאָגל־נייע טאָרבעס. זיי, די אַלע אָרגאַניזאַציעס און עקזעקוטיוו־אַקציאָנערן, וועלן זיך שוין לײדער ווייטער מוזן באַגניגענען נעבעך מיט זייערע בלעכערנע־צעהילכטע „צדקה תציל ממות פּושקעס“. און ווי לאַנג זיי וועלן נאָך, — האַלב־וועגס כאָטש! — מאַכן זייערע קליינלעכע חשבונות מיט דער ירושה פונם יידישן פאָלק, וועט אין זייערע קלינגענדיקע פּושקעס תמיד נאָך גענוג אַריינגעוואָרפן ווערן. וועלן זיי זיך אָבער שוין צערעכנען און אויסקאַלקולירן נאָר אויפן שארית הפליטה, וועלן זיי שוין רק אָרומשטיין און אָרומיעלהעווען אָרום יידישן פאָלק, ווי אָרום אַ בר־מינן און צעגריזשען אונזערע אברים המדולדלים ווי די שאַקאַלן אין מדבר, וועלן זיך זייערע גריזשע ציינדלעך שנעל אָרויסברעכן.

און נישט נאָר צו זייערע אַלע גרויסע פירער, כביכול, און צו זייערע גענולדיקע אונטער־פירער — נאָר אפילו צום נביא גופא וועלן מיר דעם מוט האָבן צוזאָגן: אויב ער קאָן נישט לעבעדיק מאַכן די ביינער אינם־טאָל, די „עצמות היבשות“ אין אונזער טיפן „עמק הבכה“, וואַרפן מיר אים צוריק זיין נבואה פון אַ „שארית הפליטה“ — — —

מיר זיינען געווען 16 מיליאָן יידן און מיר זיינען עס געבליבן! און האָט מען אויסגעקוילעט און פאַרמאָרדעוועט די בעסטע פון אונז, זיינען מיר נאָך אַלץ 16 מיליאָן יידן: 12 מיליאָנען לעבן געבליבענע און 4 מיליאָן קדושים — 4 מיליאָנען אומשטערבלעכע און פאַראייביקטע! 4 מיליאָן פאַרפייניקטע נשמות, 4 מיליאָן צאַנקענדיקע נשמה פלעמלעך — 4 מיליאָן ברענענדיקע נר־תמידס צו באַלייכטן אונזערע פאַרשוועכטע הייליקייטן.

קולטור-אַרבעט איז נישט אַ מגיפה־חתונה צווישן מצבות און מיט דער קברות־לאַמטערן רק באַלויכטן די קאַליקעס אונטער דער חופה — דאָס איז די טעטיקייט פון קברנים; קולטור אַרבעט איז דאָס נר־תמיד־לעמפּל צו רייניקן און צו פּוצן, מיט די הוילע הענט דאָס פלעמל באַשיצן, אַז ס׳זאָל חס ושלום נישט אויסגעלאָשן ווערן.

II.

זאָלן זיי נישט מיינען די אַלע „גאָט־געבענטשטע“, צעצאַפּלטע בריאות אונזערע, די גאַנצע כנופיות פון לאַפּעטוטן „קאָכלעפל“, פון קאָנסטרוקטיווע־אינסטיטוציעס און אָפּיל־קאָמיטעטן, אַז נאָר זיי אַליין וועלן האָבן די זכיה צו בלייבן אומשטערבלעך ביים יידישן פאָלק — האָט דאָך זיי שוין מענדעלע מוכר־ספרים, אין די מינדעסטע זיינס אַ מעשה אָפּגעפּאָרטרעטלט, געגנוי און מיט אַלע פּיטשעווקעס — —

אינם ליכטיקייט פון אונזערע קדושים וועלן אַלע אונזערע צרות באַלויכטן ווערן און געהייליקט זיין — אין די צוויי טויזנט יאָר שאָפונגען אונזערע אויף דער אייראָפּעאישער ערד, טון זיך מלאכים באַווייזן ווי אינם פלוין פון ממרה! און אינם געוואַלטיק „בדמיך חיי“ פון אונזערע וואָגלענישן איז, פון יהודה



הלוי און גבירול ביז פרץ, ראָזענפעלד־ביאַליק ביז שלום־עליכם, יהואש־טשערניכאָווסקי — איין אַקער בלויז פון אפרת ביז בית־לחם! און וויטענבערג און אַש און בערגעלסאָן און אָפּאַטאָשו זיינען דען נישט זייערע יידן וואַנדליקע און קריגנדיקע שבטים און דערגרייכן יעצט אין זייערע הונגער־געוואַנדער אַזש ביז פאַר די טויערן פון ניו־יאָרק און מאָסקווע — פאַר די אָפענע טויערן פון בירא־בידזשאַן! און ברענער מיט זיינע חלוצים־קדושים איז ער נישט דערגאַנגען מיט זיי, איבער ווייטשעפּל, ביז תל אביב — — — און האָט דען אַ שיעור צו די יידישע פילון׳ס פון אייראָפּע און צו די אַסימילירטע יאָזעפוסעס? נאָר צו דערמאָנען בלויז אַזעלכע גאונים ווי ברוך שפּינאָזאַ און קאַרל מאַרקס.

יאָ, „קולטור איז מאַכט“ — די מאַכט פונם פאָלק, זיין שעפערישע פּאַטענץ — אָבער נישט יענע פּערזענלעכע אַמביציעס, די „ביזי“־בזיונדיקע! — אַ גאַנץ פאָלק אפילו ווערט פּערזענלעך פּאַרטיי־פעלקיש, ווען זיין קולטור ווערט פּראָפּאַגאַנדע־פּאַראַלע.

עכטע קולטור איז גערעכטער עקזיסטענץ־קאַמף, איז קאַמף פאַר עקזיסטענץ, איז קאַמף פאַר גערעכטיקייט, וואָרים נישט נאָר די עטיק אַליין איז דער קאַמף פאַר דער מענטשלעכער גערעכטיקייט, נאָר די ריינע עסטעטיק איז נישט עפּעס אַנדערש צומאָל, ווי גערעכטער געזעץ פון נאַטור — האַרמאָניע פון דערלעבטער נאַטור! אין גרויסע קולטור־שאַפונגען, איז דערפאַר די עטיק און די עסטעטיק אַזוי מאָנומענטאַל געוואַלטיק און אַזוי אַצילותדיק פּרעציז אויסבאַלאַנסירט; עכטע קולטור־שאַפונגען האָבן אין זיך דעם נאַטור־ריטם פון אָפּפלוס און צופלוס — מ׳הערט קלאַפּן דערין דאָס האַרץ פון אַ פאָלק. קולטור־אַרבעט איז נישט קלאַפּן מיט דער פּושקע, איז נישט דאָס כסדרדיקע אויסקלינגען דעם „תציל־ממות“—ס׳איז דאָס אויסהאַמערן די גאָלדענע ירושה פונם פאָלק אין אַלץ גרעסערע עשירות. קולטור איז דער „וחי בהם“ פון אַ לעבעדיק פאָלק.

III.

יאָ, באַלאַנסירן איז „צוועקמעסיק“ פאַר ענג־פּאַרטייאישע אָדער פּאָליטישע צוועקן: בכל אופן יענעם צו איבערכיטרעווען! מען באַלאַנסירט, דאָס פאַרהאַנענע אויף זיין זייט צו פאַרכאַפּן. וואָרים קולטור, אַ חוץ וואָס זי איז דאָס געשאַפענע גייסטיקע פאַרמעגן פונם פאָלק, קאָן דאָך אויך דינען מיט איר מאַכט צו דערגרייכן באַשטימטע צוועקן. קולטור וואָס איז ווי אַ סטימול פאַרן פאָלק קאָן דאָך אויך ווערן אַ פאַקטאָר די מאַסן דערמיט צו האַלטן! און בכדי די מאַסן מיט זיך מיטצושלעפּן איז מען טעטיק, פאַרעט מען זיך — —

אויב מ׳וויל אויסדריקן אַזאַ מין קולטור־טעטיקייט אין אַ פאָרמול, אויב מ׳וויל געפינען די גענויע דעפיניציע איז עס זער לייכט: קולטור־טעטיקייט פאַר ענג־פּאַרטייאישע אָדער פּאָליטישע צוועקן איז קאָלעקטיווער שונד. אויך דער דעמאַגאָג באַנעמט זיך זייער סענטימענטאַל און ווירקט אַמשטאַרקסטן אויף די טרערן־דריזן ווען ער וויל פאַנגען די מאַסן און אויף די לאַך־דריזן ווען ער

וויל באַזיגן זיין געגנער. און פאַראַלן נעמען זיך זייער גוט אויס ווען זיי ווערן אַרויסגעזאָגט מיט פאַרגלאָצטע אויגן . . . און איבערגעטריבענע העלדישקייט ווירקן פונקט אַזוי פערוועריז ווי איבערגעטריבענע שונד! פאַרן עסטעטישן מענטש, פונקט ווי פאַר דעם וואָס האָט אַ נאַטירלעך גערעכטיקייטס־געפיל ווירקט דאָס ערשטע ווי דאָס לעצטע עקלדיק.

עכטע קולטור איז נישט סענטימענטאַל, איז נישט איבערגעטריבן — עכטע קולטור איז נאַטור־געזעץ! שאַפנדיקע קולטור איז נישט באַלאַנסירן, איז נישט קיין „פוסח על שתי הסעופים”. שאַפנדיקע קולטור איז דער בילאַנס פונם פאָלק — זייער האָב און גוטס!

און קולטור־אַרבעט איז צו באַשיצן און באַהיטן, סדרן און קולטיווירן — זיינען די „גדרים” און „סיג׳ן” אַרום דעם גייסטיקן שאַפן, אַז די „שעלים המחבלים את הכרמים”, זאָל דאָס געשאַפענע נישט צעשטערן . . . קולטור־אַרבעט איז נישט געמאַכטע רחמנות־געפיל אָדער געקינסלטער „סעקס־אַפּיל” (דאָס איז גוט פאַר קברות־בלעטלעך און אַפּיל־אויפרופן! . . . ). קולטור איז אַ קאַמף נישט פאַר דער מאַכט — עס איז די מאַכט פאַר דער ווייטערער עקזיסטענץ, די פּאַטענץ פון געפאַלענע העלדן אומגעקומענע קדושים, וואָס מיט זייער מסירת־נפשדיקן טויט פאַרטאָפּלט דעם כוח פונם פאָלק — ס׳איז די צערשטערטע קראַפט וואָס ווירקט מאַטעריש! ס׳איז דער פירות־טראָגנדיקער בוים, וואָס ביים פאַרפוילט ווערן שוין, ביים צעשיטן זיך, לייכט ער אין דער פינסטערניש . . .

א. נ. ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין גרענד־פּאַליי, קאָמערשל רויד, 3 נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 6־טן יאַנואַר, דער ערשטער נאָכמיטאָג פון נייעם יאָר געווידמעט אונזערע קלאַסיקער מענדעלען, פּרצן און שלום־עליכמען.

שבת, דעם 13־טן, וועט דאָראַ דימענט, פעלאַ פעלד און י. ביעטש, פאַרלייענען פון שלום אַש, אברהם רייזין און הערש דוד נאָמבערג.

שבת, דעם 20־טן, געווידמעט דעם יידישן שאַפן אין ענגלאַנד: אהרן גאָלדבערג וועט ריידן איבער דר. זאָלקינד, מ. מינדל איבער אסתר קרייטמאַנס ראָמאַנען, י. ביעטש איבער יוסף הלל לעווי.

שבת, דעם 27־טן, אַ „שבת שירה” און „חמשה־עשר” — ליטעראַרישער נאָכמיטאָג.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.
**פּרייז** 1/-.



# דאָס באַפרייטע פוילן

## דאָס פוילישע יידנטום

.1

די טראַגעדיע, וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט אין די פאַרגאַנגענע פינף יאָר דורכגעמאַכט,—נישט מיט אונזערע השגות משיג צו זיין, און נישט אויסצוויינען זיי מיט אונזערע טרערן! — מיר קאָנען עס נאָר קוים פאַרשטיין און תופס זיין ווי אַ מאַרטירער־סימבאָל פון אונזער טויזנט יאָריק שאַפן אויף דער פוילישער ערד. און קומענדיקע דורות נאָך אונז וועלן טויזנט יאָר באַוויינען די טראַגעדיע און נישט קענען שטילן זייערע הערצער.

ניין, נישט דער פערלאַנג טרייסט־ווערטער צו געפינען, און אויך נישט דער ווילן האַרבקייטן פאַר נקמה־אויסדרוקן אויסצוזוכן איז עס, בכדי צו שטילן אַזוי אַרום די ביטערניש אינם הארץ אין דעם זידיקן אויפברויז אינם בלוט — ניין! וואָרים, וואָס מער יעדער יחיד וועט אין זיין פאַרבאָרגעניש וויינען און טרויערן, וועט ער דאָך קוים באַקלאָגן דערמיט זיינע אייגענע און נאָנטע! און קאָן דען אומזיסט פאַרגאָסן בלוט אויפהערן צו זידן, וויפיל ס׳זאָל נישט באַצאָלט ווערן דערפאַר מידה כנגד מידה?!

זאָל זיך טרייסטן ווער ס׳איז ביכולת זיך צו טרייסטן, און זאָלן נקמה נעמען יענע וואָס פילן אין זיך דעם כוח נקמה צו נעמען; מיר אָבער ווייסן, אַז בײדע זיינען נישט אין אונזערע מעגלעכקייטן און נישט פאַר אונזערע מענטשלעכע השגות.

וואָרים אפילו, זאָל שוין זיין, אַז מיטן טויט פון אַ פאָלק ווערן ערשט זיינע שאַפונגען אומשטערבלעך . . . קאָן עס דען און מעג עס דען דער איבערגעבליבענער שטערבלעכער פאַרשטיין! און זאָל מען אפילו אָננעמען, אַז בכדי אין אונז זאָל זיך קאָנען צעוואַקסן דאָס נאַטירלעכע נקמה־געפיל, האָבן מיר געמוזט אויסשטיין אַזעלכע אכזריותן . . . אַזוינס צו קאָנען אָננעמען, שטעקט נישט אין דעם אַליין אַ שטיק אכזריות?!

יאָ, אינם שאַפן פונם פוילישן יידנטום וועט אונזער פאָלק געפינען אַזעלכע טרייסט־ווערטער, פאַר זיין ווייטערדיקער נסיונדיקער און מסירת נפשדיקער נצחדיקייט; יעדן איבערמענטשלעכן צער שוין צו קענען איבערטראָגן, די גרויליקסטע עינויים צו קענען אויסהאַלטן און עקזיסטירן און בלייבן לעבן. יאָ, און אַז די עכטקייט און נאַטירלעכקייט פון אמתן נקמה־געפיל איז אומבאַדינגט נייטיק ביי אַ פאָלק, וואָס וויל דורכאויס לעבן בלייבן — פאַרביסענע